בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

תשפ"ו

449

בְּרִיְוןָ פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## בארא פארק
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.662.4888**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
## ירושלים
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
## בני ברק
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י

**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב

**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב

**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וַוארְטְן פַּאר אַ טַאטֶע בַּיים עֶלֶעוָועיטָאר? ....................... א

וֶוער הָאט גֶעוָוארְפְּן דֶעם טֶעלֶער? ....................... ב

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

פִּיר זִיךְ רִיכְטִיג אוּן עֶרְלִיךְ, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ ....................... א

דַּן זַיין דֶעם מַאן לְכַף זְכוּת ....................... א

זִיךְ פִּירְן אִין שׁוּל מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ ....................... ב

גוּטֶע קַבָּלָה פַּאר דִי נַייעֶ יָאר ....................... ה

אַ פְּרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ אִיז פְּרֵיי פוּן אַלֶע פַּארְמַאכְטְקֵייטְן ....................... ה

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ....................... ו

וֶועסְט זִיךְ וַוייטֶער פִּירְן אַזוֹי שֵׁיין, וֶועסְטוּ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין ....................... ז

וֵוייניג בָּחוּרִים, אָבֶער זֵיי פָּאלְגְן אוּן לֶערְנֶען ....................... ח

דְרַייסִיג טוֹיזְנְט שֶׁקֶל צוּ דְרוּקְן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה ....................... ט

נִישְׁט כְּדַאי צוּ לֶערְנֶען הַדְרָכָה בַּיי צְוֵויי מַדְרִיכִים ....................... י

גוּטֶע קַבָּלָה צוּם גֶעבּוּרְטְס טָאג ....................... יא

זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן ....................... יא

נִישְׁט קוּקְן אוֹיף חֲלִישׁוּת הַדַּעַת אִין אוּמַאן ....................... יב

וֶועלְכֶע סֵפֶר פוּן רֶבִּי'ן? ....................... יד

אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט אִין אוּמַאן ............ יד

בַּיים רֶבִּי'ן קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵל'ן ............ טו

אַ שְׁטִיקְל סֵדֶר פַאר אוּמַאן ............ טז

דֶערְצֵייל דֶעם רֶבִּי'ן ווִי אַזוֹי דַיין שָׁלוֹם בַּיִת זֶעט אוֹיס ............ יח

בִּיסְט אִין אוּמַאן בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה ............ יט

סְלִיחוֹת מִיט כַּוָּונָה אוּן מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ ............ כ

אִיךְ בִּין וֵוייךְ צוּ יֶענֶעם, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייךְ צוּ מִיר ............ כא

אַ טְרֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ............ כב

דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן דִי י"ג מִידוֹת שֶׁל רַחֲמִים ............ כג

דִי סוֹף פוּן סְלִיחוֹת אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע חֵלֶק פוּן סְלִיחוֹת ............ כד

סְלִיחוֹת אִין גֶערִיכְט זַאל ............ כה

אִיךְ ווִיל זַיין נֵיי גֶעבּוֹירְן, נִישְׁט אַלְט אוּן אוֹיסְגֶעלָאשְׁן ............ כו

אָפְּלָאזְן אַלֶע מַחֲלֹקֶת אוּן שִׂנְאָה, פַארְן בְּלָאזְן שׁוֹפָר ............ כח

אוֹיסְנִיצְן דִי הֵיילִיגֶע מִינוּטְן פוּן שׁוֹפָר בְּלָאזְן ............ כט

קָאנְצֶענְטְרִירְן צוּ טְרַאכְטְן גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה ............ ל

הַמֶּלֶךְ, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ............ לא

רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן דָאס רֶעדְן ............ לב

שִׁיר הַמַּעֲלוֹת מִמַּעֲמַקִּים, נֶעמְט אַרוֹיס פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס ............ לג

מֶען קֶען אֵייבִּיג אָנְהוֹיבְּן פוּנְדֶאסְנַיי ............ לד

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**וַוארְטְן פַאר אַ טַאטֶע בַּיים עֶלֶעוֶועיטָאר?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי חֵדֶר, אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה, אַזוֹי וִוי וֶוען אַ טַאטֶע קוּמְט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ דַארְף מֶען קוֹדֶם וַוארְטְן בִּיז עֶר גֵייט אַרַיין, אוּן דֶעמָאלְט אַרַיינְגֵיין, ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן צִי בַּיי אַן עֶלֶעוֶועיטָאר דַארְף מֶען אוֹיךְ וַוארְטְן בִּיז עֶר גֵייט אַרַיין עֶרְשְׁט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

...

תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, בֵּית שֶׁמֶשׁ

## תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן**

**... נֵרוֹ יָאִיר**

**יָא, אַוַדַאי אַזוֹי; אַלְץ דַארְף מֶען לָאזְן דֶעם טַאטְן אַרַיינְגֵיין עֶרְשְׁט, דָאס אִיז אַ חֵלֶק פוּן דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב.**

**שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי מִצְוָה פוּן מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע, ווַייל וֶוער עֶס אִיז מְכַבֵּד טַאטֶע מַאמֶע אִיז מְכַבֵּד דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

**וֶוער הָאט גֶעוָוארְפְן דֶעם טֶעלֶער?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

הַיינְט הָאב אִיךְ גֶעדַארְפְט תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ זֶע בַּיי מִיטָאג ווִי אַ אִינְגְל וַוארְפְט אַ טֶעלֶער עֶסְן פוּן אַ צְוֵוייטְן אִינְגְל, הָאב אִיךְ אִים גֶע'קַנְסְ'ט עֶר זָאל בְּלַייבְּן זִיצְן אוֹיפְן פְּלַאץ בַּיי הַפְסָקָה, נָאךְ אַ מִינוּט צְוֵויי וָואס עֶר זִיצְט, דֶערְמַאן אִיךְ זִיךְ וָואס דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז אֲפִילוּ מֶען אִיז זִיכֶער אַז מֶען קֶען דִי מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט, דַארְף מֶען נָאכְצַאלְן אִיבֶּערְפְרֶעגְן דֶעם קִינְד, הָאב אִיךְ אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיב עֶר הָאט עֶס גֶעוָוארְפְן, כָאטְשׁ וָואס אִיךְ הָאב עֶס דָאךְ אַלֵיין גֶעזֶען מִיט דִי אוֹיגְן, זָאגְט עֶר מִיר אַז עֶר הָאט נָאר גֶעהַאלְטְן דֶעם טֶעלֶער אוּן דֶער קִינְד וָואס זִיצְט קֶעגְן אִיבֶּער הָאט עֶס גֶעשְׁטוּיסְן פוּן אוּנְטֶערְן טִישׁ, רוּף אִיךְ צוּ דֶעם אַנְדֶערְן קִינְד אוּן אִיךְ פְרֶעג אִים: "דוּ הָאסְט גֶעשְׁטוּיסְן דֶעם טֶעלֶער?" זָאגְט עֶר מִיר: "יָא, עֶס אִיז גֶעוֶוען בְּטָעוּת"...

אִיךְ ווִיל אַז דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל ווִיסְן אַז דִי דְרָשׁוֹת טוּעֶן אוֹיף.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד דֶער חָשׁוּבְ'עֶר מְלַמֵּד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, מִיט זַיין אַ מְלַמֵּד; אִין הִימְל אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אַ מְלַמֵּד, אִין הִימְל קוּקְט מֶען אַנְדֶערְשׁ אוֹיף אַ מְלַמֵּד ווִי מֶען קוּקְט דָא, אִין הִימְל אִיז אַ מְלַמֵּד דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע זַאךְ, בִּפְרָט אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט לִיבּ דִי קִינְדֶער אוּן לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַהֲבַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.**

**נֶעם זִיךְ פָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ גֶעבְּן אַ קְנַס אָדֶער אַ פְּסַק אֵיידֶער דוּ**

הֶערְסְט אוֹיס דֶעם תַּלְמִיד וָואס דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען, עֶס אִיז אַ מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה (דְבָרִים א, טז), פַאר אַ דַיָּין, אַ רָב, וֶוען אֵיינֶער קוּמְט דֶערְצֵיילְן אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אַז יֶענֶער אִיז אַ גַנָב, אַ רוֹצֵחַ וְכַדוֹמֶה - דָאס נִישְׁט אָנְנֶעמֶען, נָאר 'שָׁמוֹעַ בֵּין אֲחֵיכֶם', מֶען דַארְף אוֹיסְהֶערְן יֶענֶעם, אוּן זִיכֶער וֶוען מֶען אִיז מְחַנֵךְ קִינְדֶער דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג אוֹיסְהֶערְן אֵיידֶער מֶען פַּסְקֶנְ'ט אוּן מֶען גֶעבְּט אַ קְנַס.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן, זֵיי גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן זֵיי גֶעבְּן אַסַאךְ לִיבְשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט; אִין דִי הַיינְטִיגֶע טֶעג אִיז דָאס אַזוֹי וִויכְטִיג, וַוייל דִי נִסָּיוֹן הַדוֹר אִיז נִישְׁט קַיין חֲקִירוֹת, עֶס אִיז נִישְׁטָא דִי נִסְיוֹנוֹת פוּן אַמָאל, דִי נִסְיוֹנוֹת הַדוֹר אִיז אַז דִי בְּנֵי הַנְעוּרִים דַארְפְן אַבִּיסְל וַוארֶעמְקֵייט אוּן לִיבְשַׁאפְט, מֶען דַארְף זֵיי וַוייזְן אַז דִי לֶעבְּן פוּן אַ אִיד, דִי לֶעבְּן פוּן דִי תּוֹרָה - אִיז אַ לִיבְלִיכֶע וַוארֶעמֶע זַאךְ, אוּן נָאר דֶער וָואס הִיט דִי תּוֹרָה הָאט אַ זִיסֶע לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**פִיר זִיךְ רִיכְטִיג אוּן עֶרְלִיךְ, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, כ״ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו

לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט זוּמֶער זֶע אִיךְ דִיךְ פָארְן בַּיינַאכְט מִיט דִי עֶלֶעקְטֶערִיק סְקוּטֶער; ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז עֶס אִיז סַכָּנַת נְפָשׁוֹת, אָפְּגֶערֶעדְט בַּיינַאכְט טוּסְטוּ נִישְׁט אָן קַיין רִיפְלֶעקְטָאר, נִישְׁטָא קַיין וֶועג דִיךְ צוּ זֶען; אִיךְ ווִיל נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס קֶען פַּאסִירְן...

שְׁטַארְק זִיךְ, בְּלַייבּ אוֹיף דַיין אֵיידֶעלֶע וֶועג, פִיר זִיךְ בִּצְנִיעוּת, רֶעד נִישְׁט אִין מִקְוֶה, אוּן רֶעד נִישְׁט מִיט בָּחוּרִים וָואס רֶעדְן נִישְׁט אֵיידְל. אִיךְ ווִיל דִיר מַאכְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אִיךְ הָאבּ אִין גֶעדַאנְק אַ גוּטֶע אֵיידֶעלֶע זַאךְ פַאר דִיר, אָבֶּער דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה ב.): ״אֵין מְזַוְּגִין לוֹ לְאָדָם אִשָּׁה אֶלָּא לְפִי מַעֲשָׂיו״, מֶען מַאכְט שִׁידוּכִים לוֹיט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ אִיז; זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן אֵיידְל, אוֹיךְ זָאג מִיר צוּ אַז דוּ גֵייסְט נִישְׁט בִּיז דִי חֲתוּנָה אִין קִיאַסְק, אוּן דוּ עֶפֶנְסְט נִישְׁט קַיין אִימֶעיל, דוּ זָאלְסְט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן.

זָאג יֶעדְן טָאג חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן אַ יוֹם תְּהִלִּים.

...

## דַּן זַיין דֶעם מַאן לְכַף זְכוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ו' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז אַייעֶר מַאן בְּלַייבְּט אִינְדְרוֹיסְן מִיט חֲבֵרִים און קוּמְט נִישְׁט אַהֵיים, דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז עֶר דַארְף אַייךְ נִישְׁט, און עֶר אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין אַייךְ, דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז עֶר אִיז נִישְׁט עֶרְלִיךְ; זַייט אִים דַן לְכַף זְכוּת, עֶר אִיז אַ טַייעֶרֶער מֶענְטְשׁ; אִיר הָאט אַ וואוֹילֶער מַאן.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט קוּקְן גוּט און נִישְׁט זוּכְן פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד זַאכְן אוֹיף וָואס צוּ קָאמְפְּלֶעינֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## זִיךְ פִירְן אִין שׁוּל מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן: בְּרֶענְג נִישְׁט אִין שׁוּל קַיין נִיסְלֶעךְ; פַּאפִּיטֶעס און דִי אַנְדֶערֶע נִיסְלֶעךְ; עֶס שְׁטֶערְט דִי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת. וֵוייס וֶוען און ווִי, יֶעדֶע זַאךְ הָאט זִיךְ זַיין צַייט, שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת אִיז אַ צַייט פוּן תְּשׁוּבָה און תִּיקּוּן הַמַּעֲשִׂים, מֶען זִיצְט אִינְאֵיינֶעם, מֶען זִינְגְט זְמִירוֹת און מֶען הֶערְט אַבִּיסְל חִיזוּק, נִישְׁט מֶען זִיצְט מִיט נִיסְלֶעךְ און מֶען רֶעדְט פוּן נַייעֶס.

אוֹיךְ דָאס זִיצְן אָן דִי שְׁטְרַיימְל בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת אִיז נִישְׁט וָואס אִיךְ מֶעג לָאזְן. אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען מוּסָר פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אַז בַּיים דַאוֶונֶען און

בַּיי יֶעדֶע מָאל מֶען זיצְט בַּיי אַ סְעוּדַת מִצְוָה, אַז אִיךְ זָאל פַארְלַאנְגֶען פוּן דִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט זֵיי זָאלְן זיצְן אָנְגֶעטוּן וְכוּ׳.

פְרֶעג נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען, מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְן אַז אִין יְשִׁיבָה זיצְט מֶען בַּיי מְלַוֶה מַלְכָּה אוּן בַּיי דִי בָּאטֶע אָן דִי הוּט אוּן בֶּעקִיטְשֶׁע, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז אִיךְ זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן לִיבְּלִיכֶע מוּסָר אַז וֶוען מֶען זיצְט אִינְאֵיינֶעם בַּיי אַ סְעוּדַת מִצְוָה זָאל אִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי בָּחוּרִים זָאלְן זיצְן אָנְגֶעטוּן, שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ גֶעשִׁיקְט אַ בִּילְד פַאר מוֹהֲרָא״שׁ וִוי דִי בָּחוּרִים זִיצְן בַּיי אַ סְעוּדַת מִצְוָה אָנְגֶעטוּן מִיט דִי הוּט אוּן רֶעקְל, אוּן מוֹהֲרָא״שׁ הָאט זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מִיר גְלַייךְ גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו אַז עֶר הָאט גְרוֹיס הַנָאָה אַז אִיךְ פָאלְג.

זֶע דֶעם בְּרִיוו:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו׳ עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וָאֶתְחַנַן י״ב מְנַחֵם אָב ה׳תשע״א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהְן דִי בִּילְדֶער וִוי דִי בָּחוּרִים זָאגְן קִינוֹת וְכוּ׳, אַזוֹי דַארְף זַיין, מֶען זָאל זיצְן אוּן זָאגְן אָנְגֶעטוּהְן מִיט אַ רֶעקְל אוּן אַ הִיט וְכוּ׳, הַלְוַואי זָאל זַיין אַזוֹי אוֹיכֶעט בִּשְׁעַת מְלַוֶה מַלְכָּה וֶוען מֶען עֶסְט דִי סְעוּדַת מְלַוֶה מַלְכָּה אוּן מֶען זִינְגְט זְמִירוֹת פוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת דַארְף מֶען אוֹיכֶעט גֵיין אָנְגֶעטוּהְן מִיט אַ הִיט אוּן מִיט אַ בֶּעקֶעטְשֶׁע, נִישְׁט זִיצְן נָאר מִיט אַ הֶעמְד אָן אַ הִיט וְכוּ׳, דִי קְלֵיינִיקַייט אִיז אַ יְסוֹד אִין יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן וִוי מֶען גֶעוואוֹינְט צוּ בָּחוּרִים יוּנְגֶערְהֵייט אַזוֹי וֶועלְן זֵיי עֶס טוּהְן דֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן, ס׳אִיז דָא צַייטְן וָואס מֶען דַארְף גֵיין אָנְגֶעטוּהְן מִיט אַ הִיט אוּן אַ רֶעקְל, צוּם בֵּיישְׁפִּיל בַּיים דַאוֶוענֶען, בַּיי אַ סְעוּדַת מִצְוָה, בַּיי דִי שַׁבָּת׳דִיגֶע סְעוּדָה, אָדֶער בַּיי טוּהְן אַ מִצְוָה, אָבֶער זַאנְס קֶענֶען זֵיי גֵיין אָן אַ הִיט אוּן אַ רֶעקְל, צוּם בֵּיישְׁפִּיל בַּיים לֶערְנֶען וְכוּ׳, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ מֶען דַארְף מַקְפִּיד זַיין זֵיי זָאלְן

גֵיין מִיט דִי צִיצִית אוֹיפְן הֶעמְד, אָדֶער אַ וֶועסְט אוֹיף דִי צִיצִית אָדֶער בְּלוֹיז דִי צִיצִית אוֹיף דִי הֶעמְד, אָבֶער בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן נִישְׁט גֵיין דִי צִיצִית אִינְטֶערְן הֶעמְד, אִיךְ הָאבּ אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט דָאס אַיינְצוּפִירְן בַּיי דִי סְפַרְדִישֶׁע אִידְן, אָבֶער בַּיי חַסִידִישֶׁע בָּחוּרִים דַארְף דָאס זַיין אַ פָּשׁוּטֶע זַאךְ, (אֲפִילוּ זַיי זֶענֶען גֶעוֶועןן אַרָאפְּגֶעפַאלְן וְכוּ׳, אָבֶער יֶעצְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם קוּמֶען זַיי צוּרִיק, דַארְפְן זַיי צוּרִיקְקוּמֶען אִינְגַאנְצְן) דִי זַאכְן אִיז נִישְׁט קַיין חוּמְרָא, אַזוֹי פִירְט זִיךְ אוֹיף אַ חַסִידִישֶׁ׳ער בָּחוּר. זָאלְסְט זֶעהְן זַייעֶר מַקְפִּיד זַיין אוֹיף דֶעם, וֶועסְטוּ זֶעהְן וָואסֶערֶע שֵׁיינֶע יְשִׁיבָה דוּ וֶועסְט הָאבְּן, אַז מֶען ווִיל קֶען מֶען פּוֹעֶלְ׳ן בַּיי אַ בָּחוּר אַלֶעס, נָאר דֶער מַשְׁפִּיעַ דַארְף הַאלְטְן דֶערְבַּיי.

דָאס וָואס זַיי הָאבְּן גֶעוַוארְט בִּיז נָאכְמִיטָאג זַיי זָאלְן קֶענֶען לֶערְנֶען וְכוּ׳, דָאס אִיז בֶּאֱמֶת אַ חִידוּשׁ, אוּן אִיר הָאט זִיךְ מִיט וָואס צוּ שְׁטָאלְצִירְן.

יֶעדֶע זַאךְ דַארְף מֶען מַאכְן מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת, כְּדֵי נִישְׁט אַרַיינְצוּפַאלְן אִין חוֹבוֹת, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מָמוֹן סִימָן ע״ז) מִי שֶׁעוֹשֶׂה מַעֲשָׂיו בִּמְהִירוּת בְּלִי יִשּׁוּב הַדַּעַת נַעֲשֶׂה בַּעַל חוֹב; מֶען גֶעט קַיינְמָאל נִישְׁט הֶעלְפְט גֶעלְט פַּאר אַ אַיינְגַאבֶּע (דִיפַּאזֶעט בְּלַעַ״ז) וְכוּ׳, מֶען דַארְף צוּגֶעוואוֹינֶען דִי בָּחוּרִים זַיי זָאלְן לֶערְנֶען אַסַאךְ סֵפֶר הַמִּדּוֹת, כְּדֵי זַיי זָאלְן זִיךְ אַיינְקוֹיפְן גוּטֶע מִדּוֹת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער סֵפֶר הָאט אִים גֶעמַאכְט פַּאר אַ אִיד, אִיךְ הָאבּ אַיינְגֶעפִירְט בַּיי מִיר אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן אִין דִי מֵיידְל שוּלֶע אִין יַבְנְאֵל, אַז פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע כִּיתָּה אָן לֶערְנְט מֶען שׁוֹין מִיט זַיי סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוּן זַיי זִינְגֶען דָאס מִיט אַ נִיגוּן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ זַיי קֶענֶען לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ דַארְפְן זַיי נִישְׁט דֶעם טַייטְשׁ, אָבֶער אוּנְזֶערֶע בָּחוּרִים אוּן קִינְדֶער דַארְפְן הָאבְּן דֶעם טַייטְשׁ אוֹיכֶעט.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן לֶערְן יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ וְרַשִׁ״י מִיט תַּרְגּוּם, וָוארוּם דָאס אִיז אַ סְגוּלָּה אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת יִרְאָה, סִימָן כ״א) מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ יִרְאַת שָׁמַיִם בְּוַדַּאי יִשְׁמַע בְּקוֹל הַצַּדִּיקִים.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**

*

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר אוּן אִיךְ בֶּעט אַלֶע וָואס דַאוֶוענֶען אִין אוּנְזֶערֶע שׁוּלְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען שַׁבָּת אִין שׁוּל מִיט שְׁטְרַיימְל אוּן בֶּעקִיטְשֶׁע אוּן טוּן דִי וִוילְן וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעוָואלְט.

בְּרֶענְג מֶער נִישְׁט קַיין נִיסְלֶעךְ אִין שׁוּל, דָאס זָאלְסְטוּ עֶסְן אִין שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**גוּטֶע קַבָּלָה פַאר דִי נַייעֶ יָאר**

**אַ אִינְגֶערְמַאן פְּרֶעגְט:**

אִיךְ וֶוער דְרַיי אוּן צְוָואנְצִיג יָאר, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְּרֶעגְן וָואס אִיךְ זָאל זִיךְ אוּנְטֶער נֶעמֶען, אַ גוּטֶע קַבָּלָה פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָאר?

פָאריגֶע יָאר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיר גֶעשְׁרִיבְּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן בַּיי חֲזָרַת הַשַּׁ"ץ אוּן קְרִיאַת הַתּוֹרָה, אוּן אִיךְ בִּין טַאקֶע גֶעשְׁטַאנֶען אִין דֶעם (אֶפְשָׁר אֵיינְצִיגֶע מָאל נִישְׁט).

וָואס זָאל אִיךְ זִיךְ פָארְנֶעמֶען פַאר קוּמֶענְדִיגֶע יָאר?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

נֶעם זִיךְ פָאר אַרַיינְצוּקוּקְן בַּיי הוֹיכֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה אִין אַ סִידוּר.

**אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיי פוּן אַלֶע פַארְמַאכְטְקֵייטְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרַאכְפֶעלְד

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ דַארְפְסְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אִין דִי זַאךְ פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ, אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועט אַוֶועק פַאלְן אַלֶע דַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, ווייל אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן - נֶעמְט זִיךְ פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה;

עַצְבוּת פַאַרְמַאכְט דֶעם מֹחַ מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן י): "מַה שֶּׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ", פַאַרְוָואס זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ און זֶענֶען נִישְׁט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? "הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם יִשּׁוּב הַדַּעַת, וְאֵינָם מְיַשְּׁבִין עַצְמָן", וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת, מֶען טְרַאכְט נִישְׁט פוּן תַּכְלִית; זָאגְט אָבֶער דֶער רֶבִּי, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ יִשּׁוּב הַדַּעַת און צוּ אַ קְלָארֶע מֹחַ צוּ וִויסְן וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן אוֹיף דִי וֶועלְט? "אַךְ דַּע, שֶׁעַל יְדֵי מָרָה שְׁחוֹרָה אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג אֶת הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְעַל כֵּן קָשֶׁה לוֹ לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ", וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ קֶען מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן גוּטֶע זַאכְן, מֶען קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן גוּט, מֶען טְרַאכְט אַ גַאנְצְן צַייט נָאר שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת. "רַק עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ", אָבֶער אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - דֶעמָאלְט קֶען מֶען בֵּייגְן דִי מַחֲשָׁבוֹת צוּ טְרַאכְטְן גוּט, "כִּי שִׂמְחָה הוּא עוֹלָם הַחֵרוּת", אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּשִׂמְחָה אִיז עֶר אַ פְרֵייעֶר מֶענְטְשׁ און דֶער מֹחַ אִיז אִים נִישְׁט מְצוּמְצָם, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נה, יב): "כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ", מִיט שִׂמְחָה גֵייט מֶען אַרוֹיס, "שֶׁעַל יְדֵי שִׂמְחָה נַעֲשִׂין בֶּן חוֹרִין, וְיוֹצְאִין מִן הַגָּלוּת", וַוייל אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיי, פְרֵיי פוּן אַלֶע פַארְמַאכְטְקֵייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוּו.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן, אִיךְ צִיטֶער וָואס גֵייט זַיין דָא, וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה כו, ה): "עַל הַכֹּל

הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַאֲרִיךְ אַפּוֹ חוּץ מִן הַזְּנוּת", אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט וַוארְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ נִיאוּף רַחֲמָנָא לִצְלָן - דָארְט אִיז מֶען נִישְׁט מַאֲרִיךְ אַף, דָארְט בַּאשְׁטְרָאפְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט אַ בִּיטֶערְן עוֹנֶשׁ.

זָאלְסְט נִישְׁט מֵיינֶען אַז מֶען קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן מִיט עֲבֵירוֹת וְכוּ׳; מֶען קֶען גֵיין מִיט פְּרֶעמְדֶע וְכוּ׳ רַחֲמָנָא לִצְלָן - אוּן דָאס וֶועט בְּלַייבְּן אַ סוֹד, עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (אִיּוֹב כד, טו): "וְעֵין נֹאֵף שָׁמְרָה נֶשֶׁף לֵאמֹר לֹא תְשׁוּרֵנִי עָיִן", דִי בַּעֲלֵי עֲבֵירוֹת טְרַאכְטְן בַּיי זִיךְ: ׳מִיר וֶועלְן וַוארְטְן עֶס זָאל וֶוערְן נַאכְט דֶעמָאלְט וֶועלְן מִיר טוּן עֲבֵירוֹת; מִיר וֶועלְן זִיךְ בַּאהַאלְטְן אַז קֵיינֶער זָאל אוּנְז נִישְׁט זֶען׳, אַזוֹי מֵיינְט מֶען, זָאגְן אוֹיף דֶעם דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בַּמִּדְבָּר רַבָּה ט, א): "הַנּוֹאֵף אוֹמֵר אֵין בְּרִיָּה יוֹדַעַת בִּי, לְפִי שֶׁכָּל מַעֲשָׂיו אֵינָן אֶלָּא בַּחֹשֶׁךְ", אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט טַאקֶע אַז עֶר קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער? "וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְפַרְסְמָן בָּעוֹלָם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְשֶׁעמְט אִים פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

מֵיין נִישְׁט אַז מֶען קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ, נְאֻם ה׳" (יִרְמְיָהוּ כג, כד), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: ווִי קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ בַּאהַאלְטְן פוּן מִיר? "הֲלוֹא אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ אֲנִי מָלֵא נְאֻם ה׳", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אִיבֶּערָאל!

הָאסְט זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין גֶעהַאלְטְן בִּיז אַהֶער אוּן יֶעצְט הָאסְטוּ אָנְגֶעהוֹיבְּן פַאלְן, עֶס זֶעט מִיר אוֹיס ווִי דוּ אַנְטְלוֹיפְסְט פַאר שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ... אִיךְ בֶּעט דִיר, לָאז אָפּ דִי מַעֲשִׂים, גֵיי נִישְׁט מֶער צוּ דִי חֲבֵרִים וָואס רוּפְן דִיךְ אַהֵיים צוּ זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער, גֵיי נִישְׁט צוּ זֵיי, דוּ קֶענְסְט אַזוֹי שֵׁיין חֲתוּנָה הָאבְּן, דוּ קֶענְסְט הָאבְּן אַזַא שֵׁיינֶע לֶעבְּן; וָואס טוּסְטוּ? בִּיסְט דָאךְ קְלִיגֶער פוּן דֶעם.

גֶעדֶענְק, אִיךְ הָאב דִיךְ גֶעוָוארְנְט.

...

וֶועסְט זִיךְ וַוייטֶער פִּירְן אַזוֹי שֵׁיין, וֶועסְטוּ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו

לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן צוּ הָאבְּן אַזֶעלְכֶע טֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים ווִי דִיר אִין אוּנְזֶער יְשִׁיבָה אִין יְרוּשָׁלַיִם, אוּן אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר יֶעדֶע מָאל דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר דַיינֶע שִׁיעוּרִים וָואס דוּ לֶערְנְסְט, אוּן אַז דוּ הָאסְט מְסַיֵים גֶעוֶוען זֶעכְצִיג מָאל מַסֶכֶת תַּעֲנִית.

אוֹיךְ הֶער אִיךְ אַז דוּ הֶעלְפְסְט אִין שׁוּל אִין בֵּית שֶׁמֶשׁ מִיט רֵיין מַאכְן אוּן מִיט הֶעלְפְן מִיט אַלֶעס וָואס פֶעלְט זִיךְ אוֹיס.

אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ וַוייטֶער פִירְן אַזוֹי ווִי דוּ פִירְסְט זִיךְ, דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען פְלַייסִיג אוּן דוּ וֶועסְט הֶעלְפְן מְשַׁמֵשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן - וֶועסְטוּ שְׁנֶעל טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**וֵוייניג בָּחוּרִים, אָבֶּער זֵיי פָּאלְגְן אוּן לֶערְנֶען**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו

לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, מַגִיד שִׁיעוּר הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי בַּארִיכְט ווִי אַזוֹי עֶס קוּקְן אוֹיס דִי נְסִיעוֹת וֶוען דוּ פָארְסְט מִיט דִי בָּחוּרִים, דִי סַכָּנָה'דִיגֶע זַאכְן וְכוּ', ווִי אֵיינֶער עֶפְנְט אַ טִיר אִינְמִיטְן פָארְן, אוּן דִי אַנְדֶערֶע סַכָּנָה'דִיגֶע זַאכְן.

אוֹיבּ דִי בָּחוּרִים זֶענֶען נִישְׁט דֶערְוַואקְסְן - זָאלְסְטוּ מֶער נִישְׁט פָארְן קַיין נְסִיעוֹת מִיט זֵיי, ווַייל חַס וְחָלִילָה אוֹיבּ עֶס וֶועט עֶפֶּעס שְׁלֶעכְט פַּאסִירְן וָואס וֶועסְטוּ טוּן...

הָעִקָר שְׁטַארְק זִיךְ, אוּן לָאז נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה בָּחוּרִים וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט

און דַאוֶוענֶען נִישְׁט. מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר גֶעזָאגְט כַּמָּה פְּעָמִים: עֶס אִיז נִישְׁט קַיין קוּנְץ צוּ הָאבְּן הוּנְדֶערְט בָּחוּרִים וָואס טוּעֶן גָארְנִישְׁט, הָעִקָּר הָאבְּן בָּחוּרִים, אֲפִילוּ נָאר אַפָּאר - אָבֶער וָואס פָאלְגְן און לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים. אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**דְרַייסִיג טוֹיזְנְט שֶׁקֶל צוּ דְרוּקְן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**הָרַב ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶךָ אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְנַדֵּב זַיין דְרַייסִיג טוֹיזְנְט שֶׁקֶל צוּ דְרוּקְן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה לִזְכוּת דִי נְשָׁמָה פוּן דַיין טַאטְן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה.

דָאס אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת פַאר אַ נְשָׁמָה, וַוייל דִי סֵפֶר אִיז מְחַיֶּה וּמְחַזֵּק צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן, עֶס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה און יִרְאַת שָׁמַיִם, און עֶס וֶוערְט פוּן דֶעם אַ רַעַשׁ אִין הִימְל. אַזוֹי וִוי דִי מַעֲשֶׂה גֵייט, אַז וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי יִצְחָק מִדְרָאהאבִּיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אִיז אִים רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ אַנְטְקֶעגְן גֶעקוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל און אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַאר אַ גוּטֶע מַעֲשִׂים טוּט אַייעֶר זוּן דֶער צַדִּיק רֶבִּי מִיכְל'עֶ זְלָאטְשׁוֹבֶער אַז דָא אִין הִימְל מַאכְט מֶען אַזַא רַעַשׁ פוּן אִים?" הָאט דֶער טַאטֶע רֶבִּי יִצְחָק מִדְרָאהאבִּיטְשׁ גֶעעֶנְפֶערְט: "עֶר לֵייגְט אַרַיין שְׁטַארְקֶע כֹּחוֹת אִינֶעם דַאוֶוענֶען וְכוּ'", הָאט אִים רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ גֶעזָאגְט: "פַאר דֶעם אַלֵיינְס וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעמַאכְט אַזַא רַעַשׁ דָא אִין הִימְל פוּן אִים; אַסַאךְ צַדִּיקִים לֵייגְן אַרַיין כֹּחוֹת אִינֶעם דַאוֶוענֶען און מֶען מַאכְט נִישְׁט אַזַא גְרוֹיסֶע עֵסֶק פוּן זֵיי", הָאט דֶער טַאטֶע וַוייטֶער גֶעזָאגְט: "עֶר לֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג", הָאט אִים רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ גֶעעֶנְפֶערְט: "דָאס קֶען

אוֹיךְ נִישְׁט זַיין דִי סִיבָּה, וַוייל אַסַאךְ צַדִיקִים לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, פַאר דֶעם אַלֵיינְס רַעשְׁ'ט זִיךְ נָאךְ נִישְׁט", הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "צוּלִיבּ זַיין חֶסֶד אוּן צְדָקָה וְכוּ'", הָאט רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ נָאךְ אַלְץ נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען, בִּיז רֶבִּי יִצְחָק מִדְרָאהאבִּיטְשׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אֶפְשָׁר וַוייל עֶר בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? עֶר אִיז עוֹסֵק אִין דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק", הָאט רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ גֶעזָאגְט: "הַיְינוּ דְאַהֲנִי לֵיהּ, יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין פַארְוָואס עֶס רַעשְׁ'ט זִיךְ פוּן אִים"; וַוייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב דֶער וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זַיינֶע קִינְדֶער צוּ אִים.

בִּזְכוּת דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן הֶעלְפְן דְרוּקְן דִי סְפָרִים וָואס פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת - זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר מִיט אַלֶעם גוּטְנְס.

...

**נִישְׁט כְּדַאי צוּ לֶערְנֶען הַדְרָכָה בַּיי צְוֵויי מַדְרִיכִים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

מַיין טַייעֶרֶער תַּלְמִיד, הַחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ לֶערְנֶען הַדְרָכָה פַאר דִי חֲתוּנָה בַּיי צְוֵויי מַדְרִיכִים, מֶען וֶוערְט צֶעמִישְׁט, אוּן אַז דַיין טַאטֶע הֵייסְט דִיר גֵיין לֶערְנֶען הַדְרָכָה בַּיי אַ חָתָן מַדְרִיךְ, נִישְׁט פוּן אוּנְזֶער קְהִילָה - אִיז נִישְׁט כְּדַאי דוּ זָאלְסְט מִישְׁן דִי יוֹצְרוֹת אוּן לֶערְנֶען סַיי דָא אוּן סַיי דָארְט, דוּ וֶועסְט וֶוערְן צֶעמִישְׁט.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רפז): "מַה יֵּשׁ לְהָאָדָם לַעֲשׂוֹת בְּזֶה הָעוֹלָם, אֵין צָרִיךְ כִּי אִם לְהִתְפַּלֵּל וְלִלְמֹד וּלְהִתְפַּלֵּל", וָואס דַארְף אַ אִיד טוּן אוֹיף דִי וֶועלְט? נָאר דַאוֶונֶען, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם, אוּן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט,

לֶערְן פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן זֵיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד. יֶעצְט אַלְס חָתָן אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע צַייט, אוּן אוֹיךְ דִי עֶרְשְׁטֶע יָארְן פוּן דִי חֲתוּנָה וֶוען מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט קַיין טִרְדוֹת הַפַּרְנָסָה - אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע צַייט וָואס מֶען קֶען זַייעֶר מַצְלִיחַ זַיין אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

נָאר שְׁטַארְק דִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

הַנְהָלַת מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

הָרַב ר׳ יוֹאֵל לֶעוִוי שְׁלִיטָ״א, בְּנֵי בְּרַק

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶענוּמֶען מַיין בַּקָשָׁה אוּן דוּ בִּיסְט אַרַיין אִין דִי הַנְהָלַת הַמּוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ, מִיר הֶעלְפְן אַז דִי מוֹסְדוֹת זָאל נִישְׁט זַיין אִין חוֹבוֹת אוּן אַז דִי מְלַמְדִים אוּן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע זָאלְן וֶוערְן בַּאצָאלְט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, יֶעדֶע פְּרָט וּפְרָט.

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ יְדִיעָה אַז מֶען נֶעמְט צַאם גֶעלְט צוּ קוֹיפְן אַ שֶׁטַח אִין בֵּית שֶׁמֶשׁ פַאר דִי מוֹסְדוֹת אוּן אַז דָאס אִיז אָן רְשׁוּת פוּן דִי הַנְהָלָה, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ אִיז דָאס טַאקֶע אַזוֹי, אָבֶּער דָאס זָאלְן אַלֶע וִויסְן אַז אָן דִי הַנְהָלָה קֶען מֶען גָארְנִישְׁט מַאכְן, אוּן אַז אֵיינֶעם פַאלְט בַּיי אַ גוּטֶע גֶעדַאנְק פַאר דִי מוֹסְדוֹת וְכַדוֹמֶה קֶען עֶר גָארְנִישְׁט מַאכְן נָאר מִיט רְשׁוּת פוּן דִי חַבְרֵי הַנְהָלָה.

דֶער עִיקָר בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט זֶען אַז עֶס זָאל זַיין לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן אוּנְז, וַוייל נָאר אִין דֶעם אִיז גֶעוָואנְדְן אוּנְזֶער הַצְלָחָה.

אִיךְ וַוארְט שׁוֹין זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין אוּמַאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**גוּטֶע קַבָּלָה צוּם גֶעבּוּרְטְס טָאג**

**אַ פְּרוּי פְרֶעגְט:**

וָואס קֶען אִיךְ מִיךְ פָּארְנֶעמֶען אוֹיף מַיין גֶעבּוּרְטְס טָאג פוּן צְוָואנְצִיג יָאר? שְׁכּ״חַ אוֹיף אַלֶעס, כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין.

**זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים רֶבִּי׳ן אִין אוּמַאן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיר קוּמֶען שׁוֹין נֶענְטֶער צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִיר גְרֵייטְן זִיךְ אַלֶע צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן, טוּן דִי ווִילְן פוּן רֶבִּי׳ן; לָאמִיר הָאפְן אַז מִיר וֶועלְן אַהֵיים בְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת וּרְפוּאוֹת פַאר אוּנְז אוּן פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוֹיךְ דוּ וָואס דוּ וַוארְטְסְט שׁוֹין אַזוֹיפִיל יָארְן פַאר דַיין שִׁידוּךְ, זָאלְסְטוּ דִי יָאר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט דַיין שִׁידוּךְ.

טֵייעֶרֶער ..., אִין אוּמַאן קוּמְט מִיר נִישְׁט אוֹיס דִיךְ צוּ זֶען אוּן דִיךְ צוּ קֶענֶען מְחַזֵק זַיין, שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר יֶעצְט אַפָּאר וִויכְטִיגֶע זַאכְן, נֶעם מִיט דֶעם בְּרִיווּ, לֵיין עֶס אִין אוּמַאן, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַסַאךְ חִיזוּק.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר, גֶעדֶענְק וואוּ דוּ בִּיסְט, אוּן גֶעדֶענְק פַארְוָואס דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען בִּיז אַהֶער, בִּיסְט גֶעקוּמֶען צוּם צַדִיק, בִּיסְט גֶעקוּמֶען צוּם גְרֶעסְטְן שַׁדְכָן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן

פט), אַז דֶער צַדִיק אִיז דֶער שַׁדְכָן; זָאלְסְטוּ אוֹיסְנִיצְן דִי בִּיסְל צַייט וָואס דוּ בִּיסְט אִין אוּמַאן מִיטְן גֵיין אַפָּאר מָאל אַ טָאג צוּם צִיוּן אוּן דָארְט בֶּעטְן פַאר דַיין שִׁידוּךְ; אוּן וֶוען דוּ בִּיסְט בַּיים צִיוּן זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם, נִישְׁט רֶעכְטְס אוּן נִישְׁט לִינְקְס, פַארְמַאךְ דַיינֶע אוֹיגְן אוּן הֵייבּ אָן וֵויינֶען אוֹיפְן קוֹל ווִי אַ קְלֵיינֶע בֶּעבִּי וֵויינְט, אוּן זָאג דִי וֶוערְטֶער: "הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן אִין דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, אָבֶער אִיךְ בִּין נִישְׁט שׁוּלְדִיג, אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר, אִיךְ בִּין אַ פְּלַג גוּף, אִיךְ דַארְף מַיין שִׁידוּךְ, אִיךְ דַארְף חֲתוּנָה הָאבְּן, שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג וָואס אִיךְ וַוארְט אוֹיף מַיין יְשׁוּעָה, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעטוּן אַלֶע סְגוּלוֹת, אִיךְ בִּין שׁוֹין מִיד פוּן וַוארְטְן אוֹיף מַיין שִׁידוּךְ, רֶבִּי, רַחְמָנוּת'דִיגֶער רֶבִּי, דוּ הָאסְט דָאךְ צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ דִיר אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה אוּן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וֶועסְטוּ אִים מְתַקֵּן זַיין, אִיךְ גֵיי יֶעצְט גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, לִזְכוּת רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא", (גֶעבּ אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה אוּן זָאג: 'אִיךְ גֶעבּ דִי צְדָקָה פַאר רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא', אוּן הֵייבּ אָן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ), "אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר רֶבִּי אִיךְ זָאל שׁוֹין יֶעצְט טְרֶעפְן מַיין זִיווּג אוּן אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג".

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חַבֵר, זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, יֶעצְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אַז דִי יָאר הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה - קוּמְט אַ זִיסֶע יָאר מִיט יְשׁוּעוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כא), רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן אוֹיךְ דַארְף מֶען וֵויינֶען; אָבֶער דָאס וֵויינֶען דַארְף זַיין מִתּוֹךְ שִׂמְחָה, אוּן דָאס בֶּעטְן דַארְף קוּמֶען מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הָאפֶענוּנְג אוּן אַ שְׁטַארְקֶע שִׂמְחָה, אַזוֹי וֶוערְט עֶס אָנְגֶענוּמֶען, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּפִלָּה חֵלֶק א, סִימָן פא), תְּפִלָּה וָואס אִיז מִתּוֹךְ שִׂמְחָה אִיז זִיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶס וֶוערְט שְׁנֶעל אָנְגֶענוּמֶען.

...

### נִישְׁט קוּקְן אוֹיף חֲלִישׁוּת הַדַּעַת אִין אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר פָאָרְן שׁוֹין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיךְ וִויל דִיר שְׁרַייבְּן אַפָּאר וִויכְטִיגֶע זַאכְן פַאר אוּמַאן, וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, אִיךְ וִויל זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט דָארְט אוּן פוֹעֵלְ'ן אַ שִׁידוּךְ אוּן אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

זַיי גְרֵייט אַז בַּיים צִיּוּן וֶועסְטוּ וֶוערְן גֶעשְׁטֶערְט, אוּן אֶפְשָׁר אוֹיךְ בַּאקוּמֶען חֲלִישׁוּת הַדַּעַת פוּן וָואס דָארְט טוּט זִיךְ, אוּן פוּן אַלֶע סָארְטְן מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען דָארְט; ווִיסְן זָאלְסְטוּ, אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען גֵייט אִין אַ שְׁפִּיטָאל אוּן עֶס לִיגְן דָארְט פִיל מִיט חוֹלִים אוֹיף בֶּעטְן, דֶער מִיט אַ צֶעקְלַאפְּטֶע פָּנִים, דֶער מִיט אַ צֶערִיסֶענֶע בַּאק, אַ דְרִיטֶער אָן הֶענְט, אַ פֶערְטֶער אָן פִיס; וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט טְרַאכְטְן אוּן זָאגְן: 'מַיין פְּלַאץ אִיז נִישְׁט דָא, אִיךְ בִּין אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ'; יֶעדֶער פַארְשְׁטֵייט אַז דָא קוּמֶען אַלֶע סָארְט חוֹלִים, אַלֶע קוּמֶען זִיךְ הֵיילְן; אַזוֹי זָאלְסְטוּ קוּקְן אוֹיפְן צִיּוּן, דֶעם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אִיז אַ מַתָּנָה פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוֹיסְצוּהֵיילְן נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, 'אָחוֹת קְטַנָּה, קֵל נָא רְפָא נָא לְמַחֲלוּתֶיהָ', אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, אוּן מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן עֶר זָאל אוֹיסְהֵיילְן; זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן - נִישְׁט רֶעכְטְס אוּן נִישְׁט לִינְקְס, דוּ קוּק אַרַיין אִינֶעם תְּהִלִּימְ'ל, אִינֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי, אָדֶער פַארְמַאךְ דַיינֶע אוֹיגְן אוּן זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, וֶוער נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט פוּן קֵיינֶעם.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת פוּן דִיר אַלֵיינְס, וֶוען דוּ זֶעסְט אַז דוּ בִּיסְט אַזוֹי פַארְשְׁטָאפְּט אוּן פַארְקְלַאפְּט, דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען מִיט אַ פְּלַאן זִיךְ צוּ קֶענֶען אוֹיסְוֵויינֶען אוּן אוֹיסְרֶעדְן דַיין הַארְץ, אוּן יֶעצְט שְׁטֵייסְטוּ בַּיים צִיּוּן אַזוֹי קַאלְט אוּן אַזוֹי פַארְלָאשְׁן, אָן קֵיין דִיבּוּרִים; בְּרוּדֶער, דָאס זָאל דִיר אוֹיךְ נִישְׁט אָנְגֵיין, זַיי גְרֵייט אַז אַזוֹי וֶועט זַיין, אוּן אַזוֹי אִיז בַּיי אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן; עֶרְשְׁטְנְס פוּן טִלְטוּל הַדֶּרֶךְ וֶוערְט מֶען אַזוֹי, צְוֵוייטְנְס, מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט, אַיידֶער מֶען מַאכְט אַן אַפֶּערַאצְיֶע שְׁלֶעפְּט מֶען אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר

זָאל נִישְׁט שְׁפִּירְן דִי אַפֶּערַאצְיֶע, אוּן אַזוֹי אִיז בַּיים רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי טוּט אוּנְז אַפֶּערִירְן דִי הַארְץ, 'וּמַלְתֶּם אֵת עָרְלַת לְבַבְכֶם', עֶר שְׁטָאפְּט אוֹיף דִי אָדֶערְן, דָאס אִיז פַאַרְוָואס מֶען וֶוערְט אִין אוּמַאן אַזוֹי פַארְקְלַאפְּט.

ווארִיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן דֶעם, עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, טוּן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע תִּיקוּנִים.

...

**וֶועלְכֶע סֵפֶר פוּן רֶבִּי'ן?**

**אַ בָּחוּר פְרֶעגְט:**

אִיךְ הָאב בָּרוּךְ ה' זוֹכֶה גֶעוֶוען הַיינְט צוּ עֶנְדִיגְן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אִין לֶעבְּן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, וֶועלְכֶע סֵפֶר פוּן רֶבִּי'ן זָאל אִיךְ יֶעצְט אָנְהוֹיבְּן?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן.

**אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט אִין אוּמַאן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר פָארְן שׁוֹין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן, אִיךְ ווִיל דִיר שְׁרַייבְּן אַפָּאר ווִיכְטִיגֶע פוּנְקְטְן.

גֵיי נִישְׁט אִין מַארְק, גֵיי נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ; גֶעדֶענְק וואו דוּ בִּיסְט, גֶעדֶענְק צוּ וֶועם דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען, דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע תִּיקוּנִים, גֶעדֶענְק ווִי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר גֶעוֶוען דִי נְסִיעָה אוּן ווִי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר אָנְגֶעקוּמֶען צוּ שַׁאפְן דִי גֶעלְט פַאר דִי נְסִיעָה; זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אַרוּמְדְרֵייעֶן אִין מַארְק ווִי אַ נַאר, גֵיי צוּם צִיוּן אוּן זָאג נָאכְאַמָאל דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ],

און בֶּעט זִיךְ אוֹיס פַאר דִיר און דַיין מִשְׁפָּחָה, און אַז דַיינֶע חֲבֵרִים רֶעדְן דִיר צוּ דוּ זָאלְסְט גֵיין מִיט זֵיי אִין מַארְק טְרֶעפְן מְצִיאוֹת בַּיי דִי אוּקְרֵיינִישֶׁע גוֹיִם - זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן און נִישְׁט גֵיין; נִישְׁטָא קַיין מְצִיאוֹת דָארְט, וָואס דַארְפְסְטוּ, אַ קוּטְשְׁמֶע מִיט לַייז? אַ הָאלְצֶענֶע גְרַאגֶער און אַ רָאסְטִיגֶע טְרָאמְפֵּייטֶער? נִישְׁט פַאר דֶעם זֶענֶען מִיר גֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, דִי טֶעג זֶענֶען גֶעצֵיילְטֶע, בַּאלְד פָּארְט מֶען שׁוֹין אַהֵיים, און וָואס וֶועט זַיין דִי יָאר - וֵוייסְט קֵיינֶער נִישְׁט, נִיץ אוֹיס דִי צַייט מִיט גֵיין צוּם צִיּוּן און זִיךְ דָארְט מִתְבּוֹדֵד זַיין, און מִיט זָאגְן תְּהִלִּים און לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת; גֵיי נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ, וַוייל זִיךְ אַיינְקוֹיפְן מְצִיאוֹת קֶענְסְטוּ אַ גַאנְץ יָאר אוֹיךְ, נִישְׁט פַאר דֶעם זֶענֶען מִיר גֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן, מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן אַ נַייעֶם מֹחַ, אַ רֵיינֶעם מֹחַ, אַ הֵיילִיגֶע מֹחַ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רִיא), פַארְוָואס פָּארְט מֶען צוּם צַדִּיק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען אַ רֵיינֶעם מֹחַ, אַ הֵיילִיגֶע מֹחַ; און דָאס אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אִין אוּמַאן.

וואוֹיל אִיז דֶער וָואס נִיצְט אוֹיס דִי צַייט בַּיים רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## בַּיים רֶבִּי'ן קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֶל'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן בְּמֶשֶׁךְ דִי זוּמֶער וָואכְן דִי מוֹסְדוֹת, אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דוּ וֶועסְט בִּזְכוּת דֶעם הָאבְן הַצְלָחָה; וַוייל בַּיים הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט, מֶען פַארְדִינְט בָּזֶה וּבַבָּא.

מִיר פָּארְן שׁוֹין קַיין אוּמַאן, אִין אוּמַאן אִיז מִיר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ מְצַמְצֵם

זַיין צוּ שְׁרַייבְּן בְּרִיוְון, אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר שׁוֹין יֶעצְט אַפָּאר נְקוּדוֹת אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, וִוי אַזוֹי דַיין נְסִיעָה זָאל דִיר אַרִיבֶּערְגֵיין.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, בַּיים צִיוּן קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֶל'ן, אוּן אַז מֶען עַקְשְׁנ'ט זִיךְ, מֶען בֶּעט בַּיים צִיוּן אוֹיף דִי זַאכְן וָואס מֶען וִויל פּוֹעֶל'ן - בַּאקוּמְט מֶען; דֶער צַדִּיק רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן אַז מֶען עַקְשְׁנ'ט זִיךְ - פּוֹעֶל'ט מֶען"; זָאלְסְטוּ אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט אוּן קוּמֶען צוּם צִיוּן מִיט אַן אֱמֶת אוּן אַ בִּיטוּל, זוּךְ אַ וִוינְקֶעלֶע אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר אוּן דִיר שִׁיקְן דַיין יְשׁוּעָה, אוּן בֶּעט פַּאר דַיין עִיקָר יְשׁוּעָה, דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ זָאלְסְט קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, זִיךְ קֶענֶען הִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס, אוּן דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ עַקְשְׁנ'עֶן אַז דוּ גֵייסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן אֲפִילוּ דוּ זֶעסְט וִוי עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל טֶעג אוּן יָארְן אוּן גָארְנִישְׁט רוּקְט זִיךְ נִישְׁט (עַל כָּל פָּנִים אַזוֹי זֶעט דִיר אוֹיס) - וֶועסְטוּ נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, פוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, אוּן פוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ; אוּן זִיכֶער נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי אֱמוּנָה, דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

בְּרוּדֶער, מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּ אַזַא רֶבִּי וָואס הָאט אַזוֹי רַחֲמָנוּת אוֹיף אוּנְז אוּן אִיז אוּנְז מְחַזֵּק מִיט אַלֶע סָארְט חִיזּוּק אַז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, אוּן אֲפִילוּ מִיר זֶעעֶן וִוי עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל צַייט אוּן מֶען אִיז נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּ דִי קְדוּשָׁה - זָאלְן מִיר וַוייטֶער בֶּענְקֶען, וֶועלְן אוּן הָאפְן; ווארויל אִיז אוּנְז אוּן ווארויל אִיז אוּנְזֶער חֵלֶק.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אַ שְׁטִיקֶל סֵדֶר פַּאר אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאָף אַז דוּ קוּמְסְט קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, קוּם קַיין אוּמַאן וֶועסְטוּ הָאבְּן דַיין תִּיקוּן, קוּק נִישְׁט אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע הוֹצָאוֹת אוּן אוֹיף דִי שְׁוֶועֶרֶע נְסִיעָה, קוּם קַיין אוּמַאן; דָא הָאסְטוּ אַ שְׁטִיקְל סֵדֶר פַאר אוּמַאן:

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ גֵיין אִין מִקְוֶה, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא): "דִי עֶרְשְׁטֶע תִּיקוּן אִיז מִקְוֶה", אוּן גֵיי גְלַייךְ צוּם צִיּוּן. נֶעם מִיט אַ פְּרוּטָה צוּ גֶעבְּן פַאר צְדָקָה, לֵייג דִי פְּרוּטָה אִין אַ פּוּשְׁקֶע אָדֶער גֶעב דָאס פַאר אַ גֶעלְט גֵייעֶר, אָדֶער זָאלְסְטוּ דָאס אָפְּשֵׁיידְן אוּן הַאלְטְן בַּיי דִיר אִין טַאשׁ, אוּן שְׁפֶּעטֶער אוֹיפְזוּכְן אַ פּוּשְׁקֶע וְכַדוֹמֶה, אוּן נֶעם אַ תִּיקוּן הַכְּלָלִי (בַּיים צִיּוּן אִיז דָא), אוּן זָאג דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ], אוּן גְלֵייב בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, שָׁם; חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה): וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען קַיין אוּמַאן צוּ מַיין צִיּוּן אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר מִיר אוּן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים - דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי: "אֲפִילוּ אִם עָצְמוּ וְגָבְהוּ עֲווֹנוֹתָיו", אֲפִילוּ דִי עֲבֵירוֹת זַיינֶע זֶענֶען זֵייעֶר אַסַאךְ אוּן זֵייעֶר גְרוֹיסֶע - וֶועל אִיךְ אִים אַ טוֹבָה טוּן, אִיךְ וֶועל אִים מְתַקֵּן זַיין; מִיט דֶעם לָשׁוֹן הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל מִיךְ לֵייגְן אִין דִי לֶענְג אוּן אִין דִי בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה טוּן, בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְצִיעֶן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו".

אַז דוּ קֶענְסְט אָנְקוּמֶען בִּיזְן צִיּוּן אַלֵיינְס זִיךְ אַרָאפְּלֵייגְן דֶעם קָאפּ אוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ - אִיז גוּט, אוּן אַז נִישְׁט - אִיז אוֹיךְ גוּט; וַוייל דִי גַאנְצֶע פְּלַאץ אִיז דִי צִיּוּן, דֶער רֶבִּי הֶערְט יֶעדְנְ'ס בַּקָשׁוֹת אוּן וַואשְׁט אוֹיס יֶעדְנְ'ס נְשָׁמָה, אוּן אֲפִילוּ מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט אִין דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן ...., מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין אַלֶע צֶען גְרִיבֶּער פוּן דִי טוּמְאָה, אִין פג"ה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אַז מֶען קוּמְט קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אוּן מֶען זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ פַארְרֶעכְטְן, אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה, אוּן אֲפִילוּ מֶען שְׁפִּירְט עֶס נִישְׁט גְלַייךְ אוֹיפְן פְּלַאץ, וֶועט מֶען שׁוֹין אַלֶץ לֶעבְּן מִיט תְּשׁוּבָה, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט:

"אִיךְ הָאב גֶע'פּוּעֶל'ט בַּיי מַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז עֲבֵירוֹת וֶועלְן זֵיי שׁוֹין נִישְׁט קֶענֶען טוּן מִיט אַ לַייכְטְזִינִיקֵייט, עֶס וֶועט עֶנְק שׁוֹין קְרֶענְקְן אַן עֲבֵירָה", אוּן דָאס זֶעט מֶען קְלָאר, וֶוער עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן - אִיז שׁוֹין אָנְגֶעפִילְט מִיט חֲרָטוֹת, מִיט תְּשׁוּבָה אוּן וִידּוּי דְבָרִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### דֶערְצֵייל דֶעם רֶבִּי'ן ווִי אַזוֹי דַיין שָׁלוֹם בַּיִת זֶעט אוֹיס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אַ גַאנְץ יָאר גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר וְכוּ' וְכוּ', יֶעצְט אִיז דִי צַייט גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן, יֶעצְט בִּיסְטוּ גֶעקוּמֶען צוּם גְרֶעסְטְן צַדִיק וָואס וֶועט דִיךְ הֶעלְפְן אִין יֶעדֶע פְּרַט וָואס דוּ דַארְפְסְט נָאר, וּבִפְרַט אַז דַיין שָׁלוֹם בַּיִת אִיז נִישְׁט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זָאלְסְטוּ גֵיין צוּם צִיוּן אוּן זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען צוּ דֶערְצֵיילְן דֶעם רֶבִּי'ן דֶעם גַאנְצְן אֱמֶת.

עֶרְשְׁט זָאלְסְטוּ גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה לִזְכוּת דֶעם רֶבִּי'ן, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ], אוּן אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט שׁוֹין פְרִיעֶר גֶעוֶוען אוּן שׁוֹין גֶעזָאגְט - זָאלְסְטוּ נָאכְאַמָאל זָאגְן דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, אוּן נָאכְן עֶנְדִיגְן דִי תִּיקּוּן זָאלְסְטוּ זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען; פַארְדֶעק זִיךְ דֶעם פָּנִים מִיטְן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אוּן זָאג דִי ווֶערְטֶער: "הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אִיךְ הָאב גֶעטוּן וָואס דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט מֶען זָאל טוּן, יֶעצְט בֶּעט אִיךְ דִיר, שְׁלֶעפּ מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע", אוּן דֶערְצֵייל דַיין שָׁלוֹם בַּיִת, וִוי דוּ לֶעבְסְט אַלֵיין, אַזוֹי וִוי אַ בָּחוּר, אוּן דַיין וַוייבּ ווִיל נִישְׁט לֶעבְן מִיט דִיר. זָאג פַארְן רֶבִּי'ן: "רֶבִּי, וֶוען דוּ הָאסְט גֶעלֶעבְּט אוּן בָּחוּרִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען הָאסְטוּ זֵיי גֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן עֶרְשְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן, אָנְטוּן אַ טַלִית, אוּן שְׁפֶּעטֶער צוּרִיק קוּמֶען, רֶבִּי, אִיךְ הָאבּ טַאקֶע אַ טַלִית אָבֶּער אִיךְ בִּין אַזוֹי וִוי אַ בָּחוּר, אִיךְ בִּין נָאךְ פִיל עֶרְגֶער, רֶבִּי אִיךְ דַארְף אַ

יְשׁוּעָה לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע, רֶבִּי אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט אוּן מִיט דֶעם זִיךְ שְׁלֶעכְט גֶעמַאכְט, אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין עֶרְלִיךְ"; אוּן אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דוּ וֶועסְט פּוֹעֵל'ן בַּיים רֶבִּי'ן דַיין יְשׁוּעָה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**בִּיסְט אִין אוּמַאן בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, מִיר פָארְן שׁוֹין אָט אָט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס, אוּן עֶס אִיז מִיר אַ וואוּנְדֶער פַארְוָואס מַיינֶע תַּלְמִידִים רֶעדְן נִישְׁט צוּ אַלֶעמֶען אַז זֵיי זָאלְן קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "אִישׁ לֹא יֶעְדַר", קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן; "כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", וַוייל מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עַיֵּין שָׁם. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תו), אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס אַ גַאנְץ יָאר קֶענֶען זֵיי נִישְׁט בַּאקוּמֶען זֵייעֶר תִּיקוּן, אָבֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען אִיךְ זֵיי אוֹיךְ מְתַקֵּן זַיין.

עַל כֵּן דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ זַיין אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן בַּאקוּמֶען אַלֶע תִּיקוּנִים, אוּן דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין דָא, אוּן דוּ הָאסְט צֶעבְרָאכְן אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן פַארְקוּקְט אוֹיף דִי שְׁוֶועריְקַייטְן וָואס אַלֶע גֵייעֶן אַרִיבֶּער, סַיי דִי טִלְטוּל הַדֶּרֶךְ, אוּן סַיי דִי גְרוֹיסֶע הוֹצָאוֹת אוּן דִי פִּזּוּר הַנֶּפֶשׁ וְכוּ' וְכוּ', וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תג), וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ אִים - "רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (נְחֶמְיָ' ח, י): "אִכְלוּ מַשְׁמַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים וְגוֹ', כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם".

עֶס קֶען זַיין אַז פוּן דִי אָפְּגֶעמַאטֶערְטְקֵייט פוּן דִי שְׁוֶועֶרֶע נְסִיעָה אוּן פוּן דָאס נִישְׁט זַיין אִין דִי אֵייגֶענֶע שְׁטוּב - קֶען זִיךְ אַרַיינְכַאפְּן מַחְשָׁבוֹת פוּן טְרַאכְטְן: 'פַארְוָואס בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן?' אוֹיךְ קֶען פַּאסִירְן אַז אַלֶע גֶעפִילְן אוּן אַלֶע גְלִיסְטֶענִישְׁן וֶוערְן פַארְשְׁווִינְדְן, אוּן מֶען טְרֶעפְט זִיךְ טְרַאכְטְן מַחְשָׁבוֹת פוּן וֶועלְן אַהֵיימְגֵיין; אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, טְרַייבּ אַוֶועק דִי מַחְשָׁבוֹת, גֶעדֶענְק דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט דֶעם לֶעצְטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תו): "וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, קַיין גְרֶעסֶערְ'ס פוּן קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז נִישְׁט פַארְהַאן"; פַארְטְרַייבּ דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אוּן פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין דָא, דוּ בִּיסְט אִין אוּמַאן בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## סְלִיחוֹת מִיט כַּוָּנָה אוּן מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, י"ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר אַשְׁכְּנַזִּי'שֶׁע אִידְן הֵייבְּן אָן מוֹצָאֵי שַׁבָּת זָאגְן סְלִיחוֹת, מִן הַסְּתָם דוּ זָאגְסְט שׁוֹין אַ גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ, דִי טַייעֶרֶע סְפַרַדִּי'שֶׁע אִידְן זָאגְן שׁוֹין גַאנְץ חוֹדֶשׁ אֱלוּל.

דִי סְלִיחוֹת טֶעג זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיסֶע אוּן הֵיילִיגֶע טֶעג, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין אַרָאפְּצוּוַועמֶען פוּן זִיךְ אוּן פוּן דִי מִשְׁפָּחָה - אַלֶע דִינִים; מִיטְן זָאגְן סְלִיחוֹת אוּן מִיטְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מוֹחֵל זַיין אוֹיף וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גַאנְץ יָאר - נֶעמְט מֶען אַוֶועק אַלֶע דִינִים אוּן מֶען שְׁטָאפְּט צוּ דִי מוֹיל פוּן דִי מְקַטְרְגִים; וַוייל זֵיי שְׁטֵייעֶן טָאג אוּן נַאכְט אוּן רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן ווּאוּ זֵיי זֶעעֶן עֶפֶּעס אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ - בְּרֶענְגֶען זֵיי דָאס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוּן מַאכְן אַ שְׁלֶעכְטֶע מַצָּב, אוּן וֶוען דֶער אִיד קוּמְט זָאגְן סְלִיחוֹת אוּן זָאגְט: "'סְלַח לָנוּ אָבִינוּ', פַּארְגֶעבּ מִיךְ

אֵייבֶּערְשְׁטֶער, ׳כִּי בְּרֹב אִוַּלְתֵּנוּ שָׁגִינוּ׳, וַוייל אִיךְ הָאבּ זִיךְ בַּאנַארִישְׁט אוּן גֶעטוּן עֲבֵירוֹת; אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶכְט וִויל אִיךְ זַיין גוּט, אִיךְ הָאבּ נָאר אַ יֵצֶר הָרָע וָואס מַאכְט מִיךְ נַארִישׁ" - וֶוערְן אַלֶע מְקַטְרְגִים פַארְשְׁטָאפְּט זֵייעֶר מוֹיל, אוּן דִי גַאנְצֶע מַצָּב וֶוערְט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, עֶס קוּמְט אַרוֹיס דִי אֱמֶת, אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן זֵייעֶר וואוֹיל, אַלֶע ווִילְן זַיין גוּט, מֶען פַאלְט נָאר אַרָאפּ פוּן דִי גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת פוּנֶעם לַאנְגְן גָלוּת אִין וָואס מִיר זֶענֶען אַזוֹי טִיף פַארְזִינְקֶען.

וֶוען דוּ זָאגְסְט דִי וֶוערְטֶער: "פְּנֵה נָא אֶל הַתְּלָאוֹת וְאַל לַחֲטָאוֹת" - זָאלְסְטוּ זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען אוּן זִיךְ אוֹיסְ׳טַעֲנָה׳ן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קוּק דִי מִיטְמַאכֶענִישְׁן פוּן עַם יִשְׂרָאֵל, וִוי מֶען הַרְגְ׳עֶט אוּנְז, מֶען פַּיינִיגְט אוּנְז, שׁוֹין צְוֵויי טוֹיזְנְט יָאר, ׳וְאַל לַחֲטָאוֹת׳, אוּן קוּק נִישְׁט אוֹיף אוּנְזֶערֶע זִינְד, קוּק וִוי מִיר בְּלַייבְּן מִיט דִי אֱמוּנָה, ׳וּבְכָל זֹאת שִׁמְךָ לֹא שָׁכָחְנוּ׳, מִיר בְּלַייבְּן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִיר אוּן צוּ דִי אֱמוּנָה"; וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס זָאגְט דִי סְלִיחוֹת מִיט כַּוָּונָה אוּן מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ, עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**אִיךְ בִּין וַוייךְ צוּ יֶענֶעם, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוייךְ צוּ מִיר**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, י"ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ זָאגְן מִיר שׁוֹין סְלִיחוֹת, אַלֶע קוּמֶען עֶרְנְסְט אִין שׁוּל, מֶען וֵויינְט, מֶען בֶּעט רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים.

נָאכְן עֶנְדִיגְן זָאגְן סְלִיחוֹת, מֶען הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעוֵויינְט, מֶען הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען גוּטֶע קַבָּלוֹת, דוּ קוּמְסְט אַרוֹיס פוּן שׁוּל, אוּן דוּ זֶעסְט אַז דַיין חַבֵר הָאט זִיךְ פַארְטְשֶׁעפֶּעט מִיט דִיר, דַיין קַאר אִיז פַארְשְׁטֶעלְט, אָדֶער עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ; וָואס גֵייט יֶעצְט גֶעשֶׁען? עֶר גֵייט כַאפְּן פוּן דִיר אַ בָּאקְס, דוּ גֵייסְט

שְׁרַייעֶן אוֹיף אִים; אוֹיב אַזוֹי וָואס אִיז מִיט דִי סְלִיחוֹת...? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אַלֶעס, עֶר זֶעט וִוי אַזוֹי דוּ פִירְסְט זִיךְ צוּ אַנְדֶערֶע, אוּן פִּינְקְט וִוי אַזוֹי דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט אַ צְוֶוייטְן - וֶועט מֶען זִיךְ פִירְן מִיט דִיר. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה ח:): "בַּמִּדָּה שֶׁאָדָם מוֹדֵד בָּהּ", וִוי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ מֶעסְט אַ צְוֶוייטְן, "מוֹדְדִין לוֹ", מֶעסְט מֶען אִים.

עַל כֵּן בֶּעט אִיךְ דִיר, יֶעצְט בִּימֵי הַסְּלִיחוֹת וֶוען מֶען דַארְף אַזוֹיפִיל רַחְמָנוּת מֶען זָאל אָנְנֶעמֶען אוּנְזֶערֶע חֲרָטוֹת, אוּנְזֶער גֶעבֶּעט; לָאמִיר זִיךְ פִירְן מִיט אַ צְוֶוייטְן מִיט רַחְמָנוּת, אוּן אַז אֵיינֶער הָאט דִיךְ גֶעשְׁטֶערְט בַּיים פָארְן מִיטְן קַאר, אָדֶער צוּגֶענוּמֶען דַיין פְּלַאץ וואוּ דוּ פַארְקִירְסְט דַיין קַאר וְכַדוֹמֶה - זָאלְסְטוּ נִישְׁט נְקָמָה נֶעמֶען, זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן בְּכַעַס, זָאג: "גַּם זוּ לְטוֹבָה", אוּן טְרַאכְט: פוּן הִימְל פְּרוּבִּירְט מֶען מִיךְ אוֹיס צוּ זֶען אוֹיב מַיין זָאגְן סְלִיחוֹת אִיז מִיט אַן אֱמֶת, פוּן הִימְל פִירְט מֶען דִי אַלֶע זַאכְן מִיךְ אוֹיסְצוּפְּרוּבִּירְן אוֹיב מַיינֶע וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ זָאג: 'רַחֲמָנָא דְעָנֵי לְתְבִירֵי לִבָּא עֲנֵינָא', אִיז מִיט אַן אֱמֶת, לָאמִיר זֶען אוֹיב זַיין הַארְץ אִיז צֶעבְּרָאכְן..., 'רַחֲמָנָא דְעָנֵי לְמַכִּיכֵי רוּחָא עֲנֵינָא', לָאמִיר זֶען אוֹיב דֶער מֶענְטְשׁ הָאט טַאקֶע אַ וֵוייכֶע הַארְץ, אִים צוּ הֶעלְפְן - 'הַשְׁתָּא בַּעֲגָלָא וּבִזְמַן קָרִיב, וְנֹאמַר אָמֵן'.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אַ טְרֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, י"ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, לֶעיקְוָואד**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוְון.

זָארְג נִישְׁט, דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט גֵיין אִין פָּאבְּלִיק סְקוּל, זֵיי וֶועלְן גֵיין אִין אַן עֶרְלִיכֶע חֵדֶר, אוּן אַז מֶען גֶעבְּט זֵיי נִישְׁט קַיין אַיינְטְרִיט קַארְטְל וַוייל דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט - זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען דוּ זָאגְסְט דִי סְלִיחוֹת זָאלְסְטוּ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן עֶר

זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר אוּן אוֹיף דַיין מִשְׁפָּחָה, אוּן פְלֶעכְט אַרַיין דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת אִין אִידִישׁ, דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס דוּ רֶעדְסְט; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין, אָבֶּער גֶעדֶענְק אַז אוֹיךְ וֶוען מֶען וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף דָאס קוּמֶען פוּן שִׂמְחָה; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קעה), בְּכִיָּ"ה אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי פָּסוּק (תְּהִלִּים פט, יז): "בְּ'שִׁמְךָ יְ'גִילוּן כָּ'ל הַ'יּוֹם", מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס אוּנְזֶער גֶעוֵויין אוּן נֶעמְט אָן אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת.

וֶוען עֶס קוּמְט דִי הֵיילִיגֶע טֶעג סְלִיחוֹת, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יוֹם הַקָּדוֹשׁ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער - דַארְף מֶען וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל (שַׁעַר הַכַּוָּנוֹת דְּרוּשֵׁי רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הַקְדָּמָה), אַז דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, אַז מֶען וֵויינְט; אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (שְׁמוֹת יב:) אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת ב, ו): "וְהִנֵּה נַעַר בֹּכֶה, וַתַּחְמֹל עָלָיו, וַתֹּאמֶר מִיַּלְדֵי הָעִבְרִים זֶה", וֶוען מֶען זֶעט אִין הִימְל אַ אִיד וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַאוֶוענְט אוּן בֶּעט סְלִיחָה וּמְחִילָה, זָאגְט מֶען: דָאס אִיז אַ אִיד, 'וַתַּחְמֹל עָלָיו', אוּן מֶען דֶערְבַּארֶעמְט זִיךְ אוֹיף אִים.

אָבֶּער מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט דְרִיקְן צוּ וֵויינֶען, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט אוּן מֶען טָאר נִישְׁט טְרַאכְטְן בַּיים דַאוֶוענֶען אוּן בַּיים זָאגְן סְלִיחוֹת: 'וֶוען גֵיי אִיךְ שׁוֹין וֵויינֶען? וֶוען גֵייט שׁוֹין קוּמֶען אַ טְרֶער?' דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, דָאס אִיז אוֹיךְ מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן צה), בַּיים דַאוֶוענֶען זָאל מֶען נָאר טְרַאכְטְן פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת, דִי טַייטְשׁ פוּן דִי וֶוערְטֶער, אוּן אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ וֵויינֶען - אִיז גָאר גוּט, אוּן אַז נִישְׁט - טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן דֶעם.

...

**דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן דִי י"ג מִידּוֹת שֶׁל רַחֲמִים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, י"ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

נָאךְ אַ יָאר אִיז אַרִיבֶּער, מִיר גֵייעֶן שׁוֹין זָאגְן סְלִיחוֹת; וֶוען מֶען זָאגְט סְלִיחוֹת אוּן מֶען גֵייט נָאכְאַמָאל זָאגְן דִי י״ג מִידוֹת שֶׁל רַחֲמִים זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוּן זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן מִיט אַ גֶעשְׁמַאק צוּ זָאגְן דִי דְרַייצְן מִידוֹת שֶׁל רַחֲמִים, וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה יז:): "בְּרִית כְּרוּתָה לְי״ג מִדּוֹת שֶׁאֵינָן חוֹזְרוֹת רֵיקָם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ בּוּנְד אַז וֶוען אִידְן זָאגְן דִי דְרַייצְן מִידוֹת שֶׁל רַחֲמִים נֶעמְט מֶען אָן זֵייעֶר גֶעבֶּעט; דֶערְפַאר, יֶעדֶע מָאל וֶוען מֶען זָאגְט: "קֵל הוֹרֵיתָ לָּנוּ לוֹמַר שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה, וּזְכָר לָנוּ הַיּוֹם בְּרִית שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה" וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ דָאס זָאגְן מִיטְן סְפֶּעצִיעֶלְן תְּנוּעָה אוּן מִיט דִי גַאנְצֶע הָארְץ, אוּן דוּ זָאלְסְט תְּשׁוּבָה טוּן, זָאלְסְט זִיךְ מְקַבֵּל זַיין אַז: ׳גֶענוּג אִיז גֶענוּג, עַד כַּאן, אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת׳, אוּן זָאג צוּ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ גֵייסְט מֶער נִישְׁט צוּרִיק גֵיין צוּ דַיינֶע אַלְטֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים, דוּ גֵייסְט שׁוֹין זַיין גוּט, אוּן בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר פַארְשְׁרַייבְּן אַ שָׁנָה טוֹבָה, אַ גוּטֶע יָאר, אַ יָאר פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, אַ יָאר פוּן דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, אַ יָאר פוּן עוֹסֵק זַיין אִין טוּן חֶסֶד אוּן הֶעלְפְן בּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת הַתּוֹרָה, חֲדָרִים, יְשִׁיבוֹת, כּוֹלְלִים.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר קֶען מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פּוֹעֵל׳ן וָואס מֶען דַארְף פּוֹעֵלְ׳ן, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן סְלִיחוֹת, אוּן וַוייטֶער, דִי יָמִים נוֹרָאִים - דֶעמָאלְט אִיז אַן עֵת רָצוֹן, דֶעמָאלְט קֶען מֶען פּוֹעֵל׳ן וָואס מֶען קֶען אַ גַאנְץ יָאר נִישְׁט פּוֹעֵלְ׳ן; וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס נִיצְט אוֹיס דִי טֶעג מִיט תְּשׁוּבָה וּתְפִלָּה, וֶועט עֶר הָאבְן אַ שָׁנָה טוֹבָה וּמְבוֹרֶכֶת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**דִי סוֹף פוּן סְלִיחוֹת אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע חֵלֶק פוּן סְלִיחוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, י״ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

מִיר גֵייעֶן שׁוֹין זָאגְן סְלִיחוֹת, מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזָאגְט א' סְלִיחוֹת מוֹצָאֵי שַׁבָּת, מֶען קוּמְט בַּיי חֲצוֹת אִין שׁוּל מִיט דִי בִּגְדֵי שַׁבָּת.

וֶוען דוּ זָאגְסְט סְלִיחוֹת אוּן דוּ קוּמְסְט אָן מֶער בַּיים סוֹף - זָאלְסְטוּ נִישְׁט אָפְּכַאפְּן דִי וֶוערְטֶער, וַוייל דִי סוֹף פוּן סְלִיחוֹת אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע חֵלֶק פוּן סְלִיחוֹת, דִי סְלִיחָה פוּן: "מִי שֶׁעָנָה לְאַבְרָהָם", וֶוער עֶס הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט דִי תְּפִלּוֹת פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ - "הוּא יַעֲנֵנוּ", זָאל אוּנְז אוֹיךְ אוֹיסְהֶערְן אוּן הֶעלְפְן; "מִי שֶׁעָנָה לְיִצְחָק", וֶוער עֶס הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט פַאר יִצְחָק אָבִינוּ, "הוּא יַעֲנֵנוּ", זָאל אוּנְז אוֹיךְ אוֹיסְהֶערְן אוּן הֶעלְפְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; דִי תְּפִלּוֹת זֶענֶען אַזֶעלְכֶע זִיסֶע תְּפִלּוֹת, אוֹיךְ גֶעבְּט עֶס שְׁטַארְקֶע חִיזוּק וֶוען מֶען חַזֶר'ט דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן אִין אַלֶע דוֹרוֹת מִיט דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים, אוּן מִיט דִי אַלֶע צַדִיקִים פוּן אַלֶע צַייטְן, דָאס גֶעבְּט חִיזוּק אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס וֶוען מֶען בֶּעט אִים, אוּן קַיין אֵיין תְּפִלָּה גֵייט נִישְׁט לְאִבּוּד, קַיין אֵיין תְּפִלָּה וֶוערְט נִישְׁט פַארְפַאלְן, אַלֶע תְּפִלּוֹת זַאמְלֶען זִיךְ אָן, אוּן פוּן דֶעם וֶועט קוּמֶען דִי יְשׁוּעָה כְּלָלִית, מִיר וֶועלְן וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט.

בַּיי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים אִיז בַּאוּוּסְט אַז רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי אַ אִיד זָאגְט דִי לֶעצְטֶע שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן סְלִיחוֹת מִיט אַ זִיסְקֵייט, עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם אִיד: "זָאגְט מִיר, בַּיי וֶועם דְרֵייט אִיר זִיךְ? וֶוער אִיז אַייעֶר רֶבִּי? אִיךְ זֶע בַּיי אַייךְ עֶפֶּעס וָואס מֶען זֶעט נִישְׁט בַּיי אַנְדֶערֶע; עַל פִּי רוֹב וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִי עֶנְדֶע פוּן סְלִיחוֹת פַארְלִירְט מֶען דִי גֶעדוּלְד אוּן מֶען כַאפְּט אָפּ דִי וֶוערְטֶער, בַּיי אַייךְ זֶע אִיךְ וִוי אִיר זָאגְט דִי וֶוערְטֶער מִיט אַזַא גֶעשְׁמַאק, עֶס זֶעט אוֹיס מַמָּשׁ וִוי אַ קִינְד רֶעדְט צוּ זַיין טַאטֶע", הָאט עֶר אִים דֶערְצֵיילְט דִי סוֹד אַז עֶר דְרֵייט זִיךְ בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס רֶעדְט אַסַאךְ פוּן דִי נְקוּדָה פוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## סְלִיחוֹת אִין גֶערִיכְט זַאל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, י״ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

דִי יָאר אִיז אַרִיבֶּער, מִיר קוּמֶען שׁוֹין נָאכְאַמָאל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בֶּעטְן פַאר אַ גוּט יָאר.

וֶוען דוּ זָאגְסְט דִי סְלִיחוֹת זָאלְסְטוּ זִיךְ פַאר אַ סֶעקוּנְדֶע פַארְמַאכְן דַיינֶע אוֹיגְן אוּן טְרַאכְט לְמָשָׁל דוּ שְׁטֵייסְט אִין גֶערִיכְט זַאל, אוּן דֶער שׁוֹפֵט הָאט אִין זַיין הַאנְט דִי הַאמֶער מִיט וָואס עֶר גֶעבְּט אַ קְלַאפּ אוּן פַּסְקֶ׳נְט אָדֶער חַיָּיב אָדֶער זַכַּאי, אוּן דוּ הָאסְט יֶעצְט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ וֵוייךְ מַאכְן זַיין הַארְץ מִיט אַפָּאר טְרֶערְן; וָואלְסְטוּ זִיכֶער אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אִין אַ גֶעוֵויין אוּן גֶעבֶּעטְן פַאר רַחְמָנוּת...

אִיז דָאךְ זִיכֶער יֶעצְט וֶוען מִיר קוּמֶען שׁוֹין נֶענְטֶער צוּם גְרוֹיסְן יוֹם הַדִין, וֶוען מֶען גֵייט יֶעדְן אֵיינֶעם מִשְׁפָּטְ׳ן: ׳מִי יִחְיֶה׳, וֶוערְט וֶועט לֶעבְן, ׳וּמִי יָמוּת׳ וְכוּ׳, ׳וּמִי יֵעָנִי׳, וֶוער וֶועט דִי יָאר פַארְלִירְן זַיין גֶעלְט, ׳וּמִי יֵעָשֵׁר׳, וֶוער וֶועט דִי יָאר רַייךְ וֶוערְן; אַלֶעס וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן מֶען גֶעבְּט אוּנְז דִי פָּאר טֶעג צוּ זָאגְן סְלִיחוֹת; דַארְפְן מִיר זִיכֶער בֶּעטְן אוּן תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן מַרְבֶּה זַיין בִּסְלִיחוֹת, אַז מֶען זָאל אוּנְז פַּסְקֶ׳עֶנֶען פַאר אַ גוּט יָאר; קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס גֵייט זַיין, וָואס וֶועט זַיין דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָאר מִיט אִים, מִיט דִי מִשְׁפָּחָה, מִיט דִי בַּאקַאנְטֶע, אוּן מִיט אַפָּאר אֱמֶתְ׳עֶ דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט אַפָּאר הֵייסֶע טְרֶערְן - קֶען מֶען אָפְּוִוישְׁן דִי שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת אוּן צֶערַייסְן דִי גְזַר דִין.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס נִיצְט אוֹיס דִי סְלִיחוֹת טֶעג מִיט תְּשׁוּבָה וּתְפִלָּה וּצְדָקָה, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ אַ זִיסֶע לִיכְטִיגֶע יָאר, פַאר אִים אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

אִיךְ בִּין גֶעבְלִיבְּן אִין שְׁטֶעטְל, מִיר וֶועלְן זָאגְן סְלִיחוֹת מוֹצָאֵי שַׁבָּת בַּיי חֲצוֹת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

איך וויל זיין ניי געבוירן, נישט אַלט און אויסגעלאַשן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, י״ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

איך האָב נישט קיין ווערטער דיך צו דאַנקען פאַרן מיר העלפן מיט דרייוון די באָס, אויך הער איך אַז דו העלפסט מיט די שחיטה; איך וויל דיר זאָגן אַז די אַלע זאַכן וועט מען לייגן ראֹש הַשָּׁנָה אויפן וואָגשאָל און דו וועסט זוכה זיין צו אַ שָׁנָה טוֹבָה וּמְבוֹרֶכֶת.

מען גייט שוין זאָגן סליחות קומענדיגע וואָך, ביי שְׁמַע קוֹלֵנוּ ווען מען עפנט די אָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ זאָלסט זיך פאַרדעקן די פָּנִים מיטן סליחות׳ל און זאָגן די ווערטער מיט גרויס כַּוָּנָה, און ווען עס קומט צו זאָגן די ווערטער: ״אַל תַּשְׁלִיכֵנוּ מִלְּפָנֶיךָ וְרוּחַ קָדְשְׁךָ אַל תִּקַּח מִמֶּנּוּ״ - זאָלסטו זיך בעטן ביים אייבערשטן אין דיין אייגענע שפּראַך: ״הייליגער באַשעפער וואַרף מיך נישט אַוועק פון דיר, און נעם נישט אַוועק דאָס ביסל קְדוּשָּׁה וואָס איך האָב נאָך, און וויל נאָך זוכה זיין צו זיין אַן ערליכער איד״. און ביי די ווערטער: ״אַל תַּשְׁלִיכֵנוּ לְעֵת זִקְנָה״ - זאָלסטו בעטן פון די טיפעניש פון דיין הַאַרְץ: ״הייליגער באַשעפער איך וויל נישט זיין אַן אַלטער חָסִיד, איך וויל זיין ניי געבוירן, איך וויל זיין ווי אַ יונגער בָּחוּר וואָס הייבט דיך אָן דינען, איך ציטער פון ווערן אַלט און אויסגעלאַשן״; ווייל אַלט מיינט מען נישט אַלט אין יאָרן, אַלט מיינט מען ׳יאוש׳, און ביי ווערטער: ״אַל תַּעַזְבֵנוּ ה׳ אֱלֹקֵינוּ״ - זאָלסטו בעטן: ״אייבערשטער היט מיך איך זאָל נישט טראַכטן פאַר קיין איין רגע אַז דו האָסט אונז פאַרלאָזט, ׳אַל תִּרְחַק מִמֶּנּוּ׳ - איך זאָל זיך נישט איינרעדן אַז דו ביסט ווייט, איך זאָל געדענקען טאָג און נאַכט אַז דו ביסט מיט מיר, דו ביסט נעבן מיר און דו ביסט אין מיר״.

בִּכְלָל איז גוט אַריינצופלעכטן אייגענע תְּפִלּוֹת ווען מען דאַווענט,

תְּפִלּוֹת וָואס קוּמְט פוּן הָארֶץ, אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת וָואס אִיז נוֹגֵעַ דֶעם מֶענְטְשׁ, וַוייל דָאס אִיז דָאךְ תְּפִלָּה; אַ תְּפִלָּה וָואס קוּמְט פוּן הָארֶץ אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע תְּפִלָּה.

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר דוּ זָאלְסְט שׁוֹין טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**אָפְּלָאזְן אַלֶע מַחֲלֹקֶת אוּן שִׂנְאָה, פַארְן בְּלָאזְן שׁוֹפָר**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, י״ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ וִויל דִיר שְׁרַייבְּן אַפָּאר גוּטֶע הַנְהָגוֹת פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּנִיצְן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג.

עֶס אִיז אַ מִנְהָג יִשְׂרָאֵל, אֵיידֶער מֶען גֵייט בְּלָאזְן שׁוֹפָר - זָאגְט דֶער רָב אָדֶער דֶער רֹאשׁ הַחֲבוּרָה - אַ תְּקִיעַת שׁוֹפָר דְּרָשָׁה, אוֹיפְצוּוָועקְן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן זֵייעֶר שְׁלָאף, אוּן דִי גְּדוֹלֵי הַצַּדִּיקִים פִירְן זִיךְ צוּ מְעוֹרֵר זַיין אַלֶע תַּלְמִידִים זֵייעֶרֶע זֵיי זָאלְן אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי פַּיינְטְשַׁאפְט פוּן הַארְץ וָואס מֶען הָאט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אִיד, אוּן בַּיי מוֹהֲרָא״שׁ אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, פְלֶעגְט מוֹהֲרָא״שׁ וֵויינֶען אוֹיפְן קוֹל אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אַלֶעמֶען מֶען זָאל זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן אוּן זִיךְ מוֹחֵל זַיין אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן מִיט בְּכִיּוֹת עֲצוּמוֹת, אוֹיבּ אִיז דָא אֵיינֶער אִין שׁוּל וָואס הָאט פַּיינְט אַ צְוֵוייטְן, בֶּעט עֶר בְּרַחֲמִים עֶר זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, וַוייל דָאס אִיז מְעַכֵּב דִי תְּפִלּוֹת אוּן דִי תִּיקוּנִים.

עַל כֵּן, בֶּעט אִיךְ דִיר לִיבֶּער בְּרוּדֶער, יֶעצְט פַאר מֶען גֵייט בְּלָאזְן שׁוֹפָר זָאלְסְטוּ זִיךְ מְיַשֵּׁב זַיין אוּן אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן הַארְץ אַלֶע מַחֲלֹקֶת אוּן שִׂנְאָה, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אַז דִי וָוארְט שׁוֹפָ״ר קוּמְט אַרוֹיס

פוּנֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים כט, יז): "פֶּן יֵשׁ בָּכֶם שֹׁ'רֶשׁ פֹּ'רֶה רֹ'אשׁ וְ'לַעֲנָה"; לִכְאוֹרָה, וָואס הָאט דִי פָּסוּק מִיט דִי מִצְוָה פוּן שׁוֹפָר? נָאר מוֹהֲרַ"אשׁ זָאגְט, אַז יֶעצְט וֶוען מֶען בְּלָאזְט שׁוֹפָר דַארְף מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי שׁוֹרֶשׁ פּוֹרֶה רֹאשׁ וְלַעֲנָה, ווִי רַשִׁ"י זָאגְט דָארְט: "מַפְרֶה וּמַרְבֶּה רֶשַׁע בְּקִרְבְּכֶם", דִי רִשְׁעוּת וָואס לִיגְט בַּאהַאלְטְן אִין הַארְץ, פוּן פַּיינְט הָאבְּן אַ צְוֵוייטְן אִיד.

יֶעצְט בַּיי תְּקִיעַת שׁוֹפָר, וֶוען מֶען גֵייט זִיךְ מַלְ'ן, מֶען גֵייט אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי פַארְשְׁטָאפְּטֶע הַארְץ, אֶ'ת לְ'בָבְךָ, וָואס קוּמְט פוּן אֶ'ת לְ'בַב זַרְעֶךָ, דוּרְךְ פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִצְלַן, זָאלְסְטוּ אַרוֹיסְזָאגְן בְּפֶה מָלֵא: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ בִּין יֶעדְן מוֹחֵל, אִיךְ הָאבּ אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט קַיין תַּרְעוּמוֹת, אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל קֶענֶען הָאבְּן אַ רֵיינֶע הַארְץ, נִישְׁט הָאבְּן קַיין פַּיינְטְשַׁאפְט אוֹיף קַיין שׁוּם אִיד".

אִיךְ דַאנְק דִיךְ פַארן מִיר הֶעלְפְן אִין אוּמַאן, לָאז נִישְׁט אָפּ דָאס מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן, כָּל הַפּוֹרֵשׁ מִמֶּנָּה כְּפוֹרֵשׁ מִן הַחַיִּים...

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### אוֹיסְנִיצְן דִי הֵיילִיגֶע מִינוּטְן פוּן שׁוֹפָר בְּלָאזְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, י"ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר קוּמֶען שׁוֹין נֶענְטֶער צוּם גְרוֹיסְן יוֹם הַדִּין אוּן מִיר פָּארְן שׁוֹין קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן, אִיךְ ווִיל דִיר שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער ווִי אַזוֹי אוֹיסְצוּנִיצְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן.

דֶער עִיקָר פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז תְּקִיעַת שׁוֹפָר, ווַייל וֶוען מֶען בְּלָאזְט שׁוֹפָר דְרֵייעֶן זִיךְ אִיבֶּער אַלֶע וֶועלְטְן צוּ רַחֲמִים וַחֲסָדִים, אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה כט, ג), וֶוען אִידְן בְּלָאזְן שׁוֹפָר גֵייט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרָאפּ פוּן כִּסֵּא דִין צוּ דִי כִּסֵּא רַחֲמִים, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וֶוערְט אָנְגֶעפִילְט מִיט

רַחֲמִים וַחֲסָדִים; עַל כֵּן זָאלְסְטוּ אוֹיסְנִיצְן דִי הֵיילִיגֶע מִינוּטְן פוּן שׁוֹפָר בְּלָאזְן, אוּן אַז דוּ קֶענְסְט זִיךְ טוֹבֵל'עֶן אִיז זִיכֶער כְּדַאי, אוּן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מִקְוֶה אִין דַיין שׁוּל זָאלְסְטוּ עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אִין שׁוּל אוּן זִיךְ אָנְגְרֵייטְן מִיט קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אוּן מִיט זָאגְן דִי שְׁטִיקְלֶעךְ זוֹהַר, אוּן מִיט אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת, אוּן צְווִישְׁן דִי תְּקִיעוֹת זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְוַודֶּה זַיין; דֶעמָאלְט זֶענֶען אַלֶע הִימְלֶען אָפְן, עֶס אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע הִתְעוֹרְרוּת אִין אַלֶע הִימְלֶען, דִי שׁוֹפָר טוּט דֶערְמַאנֶען דִי זְכוּת פוּן עֲקֵדַת יִצְחָק, דִי מְסִירוּת נֶפֶשׁ פוּן דִי אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים אַבְרָהָם, יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, זַיי מִיר מוֹחֵל, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיךְ אוֹיךְ מוֹחֵל זַיין, מִיר דַארְפְן דָאךְ אוֹיךְ מֶען זָאל אוּנְז מוֹחֵל זַיין, אוּן אַז מִיר זֶענֶען יֶעדְן אֵיינֶעם מוֹחֵל - וֶועט מֶען אוּנְז אוֹיךְ מוֹחֵל זַיין אוּן אוּנְז פַארְשְׁרַייבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אוּן צוּ הַמְתָּקַת הַדִּינִים, אוּן צוּ אַלֶע יְשׁוּעוֹת וּרְפוּאוֹת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**קָאנְצֶענְטְרִירְן צוּ טְרַאכְטְן גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, י"ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

ווִיסְן זָאלְסְטוּ מַיין לִיבֶּער טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, וֶוען עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר קָאנְצֶענְטְרִירְן צוּ טְרַאכְטְן גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט אוּנְז זִיכֶער הֶעלְפְן אוּן אוּנְז פַארְשְׁרַייבְּן אַ גוּטֶע זִיסֶע יָאר, ווַייל אַז מֶען טְרַאכְט גוּט, מֶען טְרַאכְט אַז דִי יָאר הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה וֶועט זַיין גָאר אַ גֶעשְׁמַאקֶע יָאר מִיט יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת - וֶועט זַיין גוּט, אוּן עֶס וֶועט זַיין גֶעשְׁמַאק, גוּט אוּן זִיס, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּנְז זֵייעֶר אָנְגֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כא), אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאל מֶען נָאר טְרַאכְטְן פַּאזֶעטִיוְוע מַחֲשָׁבוֹת, עַיֵּין שָׁם.

דֶערִיבֶּער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן טְרַאכְט אַז 'דִי יָאר גֵייט זַיין

אַ גוּטֶע יָאר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מִיר הֶעלְפְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן מַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן אוֹיךְ דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס זֶעט מִיר אוֹיס אוֹיף זִיכֶער אַז דָאס גֵייט זִיךְ נִישְׁט טוֹישְׁן אוּן דָאס וֶועט שׁוֹין בְּלַייבְּן - אוֹיךְ דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיךְ הֶעלְפְן׳; אוּן וֶוען דוּ טִינְקְסְט אַיין דִי חַלָּה מִיט עֶפְּל אִין דִי הָאנִיג, זָאלְסְטוּ אַרוֹיסְזָאגְן אַז עֶס קוּמְט אַ זִיס יָאר, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן אוּן זָאגְן בַּיי אַלֶע סִימָנִים וָואס מֶען עֶסְט: "עֶס קוּמְט אַ זִיס יָאר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט זִיכֶער הֶעלְפְן"; ווייל אַלֶעס אִיז אִין דֶעם אָנְגֶעהָאנְגֶען, אַלֶעס אִיז אִין דִי מֹחַ-מַחֲשָׁבָה, וואוּ דִי מַחֲשָׁבָה אִיז, פוּן וָואס מֶען טְרַאכְט - דָארְט אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ; זָאלְסְטוּ זִיךְ הִיטְן פוּן דִי נֶעגֶעטִיוֶוע מַחֲשָׁבוֹת אוּן זָאלְסְט חַזֶר׳ן צוּ זִיךְ: ׳עֶס קוּמְט אַ זִיסֶע יָאר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט מִיךְ, עֶר גֵייט מִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען׳; וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שָׁנָה טוֹבָה וּמְבוֹרֶכֶת, אוּן צוּ אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### הַמֶּלֶךְ, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, י"ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

בַּיים דַאוֶוענֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה, בַּיי תְּפִלַּת שַׁחֲרִית, הֵייבְּט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אָן מִיט אַ תְּנוּעָה פוּן הִתְעוֹרְרוּת אוּן לִיבְּשַׁאפְט, אוּן עֶר שְׁרֵייט אוֹיס: "הַמֶּלֶךְ", אוּן דִי גַאנְצֶע עוֹלָם עֶנְטְפֶערְט הוֹיךְ: "הַמֶּלֶךְ", וַוייל יֶעצְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה טוּט מֶען קֶענִיגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דֶערְפַאר, וֶוען דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הֵייבְּט אָן זִינְגֶען דִי הֵיילִיגֶע תְּנוּעָה: "אַה אַה...", זָאלְסְטוּ זִיךְ אַיינְווִיקְלֶען אִינֶעם טַלִּית אוּן זִיךְ גוּט אוֹיסְהֵיינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַריינְנֶעמֶען אִין דִיר אַז "הַמֶּלֶךְ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער קֶענִיג, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס, אוּן דוּ זָאלְסְט לֶעבְּן מִיט דֶעם, אַזוֹי וֶועסְטוּ מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין

כַּעַס, וַוייל דָאס וָואס אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין אַ כַּעַס - דָאס אִיז וֶוען עֶר פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְגֶעסְט אַז דִי וֶועלְט הָאט אַ בַּעַל הַבַּיִת, אַ קֶענִיג אוּן אַ פִירֶער וָואס פִירְט אוּן טוּט וִוי אַזוֹי עֶר ווִיל, אוּן וֶוען מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאלְט מֶען אִין דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן כַּעַס, מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף דִי וַוייבּ, מֶען שְׁרֵייט אוֹיף דִי וַוייבּ, מֶען כַּעֲסְ'ט זִיךְ אוֹיף דִי קִינְדֶער, מֶען שְׁרֵייט אוּן מֶען שְׁלָאגְט זֵיי הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

עַל כֵּן לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אַ גַאנְץ רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאלְסְטוּ נָאר בֶּעטְן אוֹיף דֶעם, אוֹיף 'הַמֶּלֶךְ', אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִי תְּפִלָּה פוּן: "וְיֵדַע כָּל פָּעוּל כִּי אַתָּה פְעַלְתּוֹ, וְיָבִין כָּל יְצוּר כִּי אַתָּה יְצַרְתּוֹ", זָאלְסְטוּ זִיךְ אָפְּגִיסְן דַיין פָּנִים מִיט טְרֶערְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער - וֶוען? וֶוען? וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן מִיט דִי אֱמוּנָה, אוּן גֶעדֶענְקֶען 'הַשֵּׁם אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל מֶלֶךְ וּמַלְכוּתוֹ בַּכֹּל מָשָׁלָה', אַז קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט גֶעבְּן עֲשִׁירוּת, אוּן קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט אַוֶועק נֶעמֶען אֲפִילוּ אַ פְּרוּטָה, נָאר אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; אוּן יֶעדֶעס מָאל וָואס דוּ זָאגְסְט 'הַמֶּלֶךְ' - זָאלְסְטוּ זִיךְ גֶעבְּן אַ שְׁטַארְקֶע בֶּענְק צוּם קֶענִיג, אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן אַז מִיר זֶענֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן פָאלְק יִשְׂרָאֵל וָואס מִיר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן דָאס רֶעדְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, י"ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן דָאס רֶעדְן, וַוייל רֹאשׁ הַשָּׁנָה טוּט מֶען מִשְׁפָּטְ'ן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר וֶועט פַּאסִירְן מִיט אִים דִי גַאנְצֶע יָאר, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קיג) פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן

עָלֵינוּ, אַז אֵיידֶער מֶען אִיז גּוֹזֵר אַ גְזֵירָה אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, פְּרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס וָואס מֶען זָאל אִים מִשְׁפָּט׳ן, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ פַּסְקְ׳נְט זִיךְ אַלֵיינְס; נָאר מֶען דַארְף פַארְשְׁטֵיין, וֶוער וֶועט זִיךְ דֶען אַלֵיינְס מִשְׁפָּט׳ן אוֹיף שְׁלֶעכְט? זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, מֶען שְׁמוּעֶסְט פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אוּן מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ: ׳וָואס הַאלְטְסְטוּ? וָואס דַארְף מֶען טוּן מִיט יֶענֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעטוּן דִי אוּן דִי זַאךְ?׳ אוּן דֶער מֶענְטְשׁ פַּסְקְ׳נְט: ׳אִיךְ הַאלְט אַז מֶען דַארְף אִים שְׁלָאגְן, אוּן בַּאקְלַאפְּן דִי בֵּיינֶער׳ וְכַדּוֹמֶה, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז עֶר הָאט זִיךְ אַלֵיינְס גֶע׳פַּסְקְ׳נְט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט יֶעצְט טוּן מִיט אִים וָואס עֶר אַלֵיינְס הָאט גֶע׳פַּסְקְ׳נְט.

עַל כֵּן לִיבֶּער בְּרוּדֶער, גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ רֶעדְן אוֹיף אַנְדֶערֶע, אוּן פוּן אַנְדֶערֶע, אַ גַאנְץ יָאר זָאלְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אוּן זִיכֶער נִישְׁט יֶעצְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען (רֹאשׁ הַשָּׁנָה לב:): "סִפְרֵי חַיִּים וְסִפְרֵי מֵתִים פְּתוּחִים", אוּן מֶען אִיז דַן יֶעדְן מֶענְטְשׁ; אוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן פִירְן זִיךְ צוּ מַאכְן אַ תַּעֲנִית דִיבּוּר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אַז דִיר אִיז דָאס שְׁוֶוער צוּ טוּן, זָאלְסְטוּ אָבֶּער בַּיים דַאוֶונֶען נִישְׁט רֶעדְן, אוּן אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר זָאלְסְטוּ מַאכְן - וֶוען מֶען דַאוֶונְט - אַ תַּעֲנִית הַדִּבּוּר; וֶועסְטוּ זֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה אִין דִי זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט.

מֶענְטְשְׁן דֶערְצֵיילְן וואוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂיוֹת וִוי זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעקְרָאכְן פוּן שְׁוֶוערֶע יְסוּרִים אוּן פַארְקְנִיפְּטֶע צָרוֹת דוּרְךְ זִיךְ מְקַבֵּל זַיין נִישְׁט צוּ רֶעדְן בַּיים דַאוֶונֶען; אִיךְ זָאג דִיר צוּ, אַז דוּ וֶועסְט נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ נִישְׁט צוּ רֶעדְן בַּיים דַאוֶונֶען אוּן זִיכֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים דַאוֶונֶען, בִּפְרָט בַּיי תְּפִילַּת מוּסָף, וָואס מֶען הֶערְט שׁוֹפָר בְּלָאזְן, אוּן דִי בִּרְכַּת שׁוֹפָר גֵייט אוֹיף אַלֶע תְּקִיעוֹת, אִיז דָאךְ דָאס רֶעדְן אַ הֶפְסֵק; וֶועסְטוּ זֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, נִיסִים וֶועט פַּאסִירְן, דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ זִיסֶע לִיכְטִיגֶע יָאר מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת.

...

**שִׁיר הַמַּעֲלוֹת מִמַּעֲמַקִּים, נֶעמְט אַרוֹיס פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, י״ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, בָּארָא פַּארְק**

דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶועןאַז אִין דִי צֶען טֶעג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּיז נָאךְ יוֹם הַקָּדוֹשׁ זָאל מֶען זָאגְן צְוִוישְׁן יִשְׁתַּבַּח אוּן יוֹצֵר אוֹר קַאפִּיטְל ק״ל: ״שִׁיר הַמַּעֲלוֹת מִמַּעֲמַקִּים״, אוּן דוּרְכְדֶעם גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, וַוייל דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען בֶּעט זִיךְ ׳מִמַּעֲמַקִּים קְרָאתִיךָ הַשֵּׁם׳, מֶען שְׁרֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֵעִמְקָא דְלִבָּא, פוּן דִי טִיפֶענִישׁ פוּן הַארְץ, אִיז מֶען זוֹכֶה אַז מֶען טְרֶעפְט דִי וֶועג אַרוֹיס.

עַל כֵּן בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, וֶוען דוּ זָאגְסְט דֶעם קַאפִּיטְל זָאלְסְטוּ זִיךְ גוּט אוֹיסְבֶּעטְן אוּן דוּ זָאלְסְט זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט מִתְוַודֶּה זַיין אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת אִין וָואס דוּ בִּיסְט נִכְשָׁל גֶעוָוארְן דִי יָאר, יֶעדֶע פָּסוּק זָאלְסְטוּ זָאגְן מִיט גְרוֹיס כַּוָּונָה, אוּן זָאג צוּ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ גֵייסְט מֶער נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת, אוּן אַז דוּ גֵייסְט דִי יָאר נָאר טוּן גוּטֶע זַאכְן, מִצְווֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, וַוייל יֶעצְט וֶוען דוּ זָאגְסְט דִי קַאפִּיטְל אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן אִין הִימְל, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע דַיינֶע עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי דִי קַאפִּיטְל עֶנְדִיגְט זִיךְ: ״וְהוּא יִפְדֶּה אֶת יִשְׂרָאֵל מִכֹּל עֲוֹנוֹתָיו״.

אִיךְ הָאף דִיךְ צוּ זֶען אִין אוּמַאן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**מֶען קֶען אֵייבִּיג אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנַיי**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, י״ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

...

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ,

און אויך דַארְף מֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כא), וָואס דִי בֵּיידֶע זַאכְן גֵייעְן אִינְאֵיינֶעם; וַוייל מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס אוּנְזֶער גֶעוֵויין, און נֶעמְט אָן אוּנְזֶער תְּשׁוּבָה, און דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט, אַז אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און וֶוען עֶס כַאפְּט אָן אַ שְׁטַארְקֶע צִיטֶער און מֶען פְּלַאצְט אוֹיס אִין אַ גֶעוֵויין, אִיז אַ סִימָן אַז אִין דִי מִינוּטְן אִיז מֶען דַן דֶעם מֶענְטְשׁ, וְאַף עַל גַב דְאִיהִי לֹא חָזֵי, מַזְלֵי' חָזֵי; אִיז וואוּיל פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס נִיצְט אוֹיס דִי הֵיילִיגֶע טֶעג זִיךְ אוֹיסְצוּאֲוֵויינֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און מִיט תְּשׁוּבָה טוּן און מִיט גוּטֶע קַבָּלוֹת.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, דִי קְלִיפּוֹת און דִי סִטְרָא אַחֲרָא קֶענֶען נִישְׁט נֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, בַּיי זֵיי אִיז דָאס דִי עֶרְגְסְטֶע צַייט, וַוייל זֵייעֶר גַאנְצֶע אַרְבֶּעט פוּן אַ גַאנְץ יָאר וֶוערְט אוֹיס, זֵייעֶר אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער אַרָאפְּצוּאַוואַרְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, זֵיי זֶענֶען מַכְשִׁיל דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט פּוֹגֵם זַיין אִין מִידַת יְסוֹד, און וֶוען עֶס קוּמְט דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, זֵיי זֶעעֶן ווִי אַלֶע אִידְן קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט הַכְנָעָה, מִיט אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ און וֵויינֶען און בֶּעטְן: "'אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ', אוּנְזֶער טַאטֶע דֶער קֶענִיג פוּן דִי וֶועלְט, 'הַחֲזִירֵנוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵימָה לְפָנֶיךָ', מִיר ווִילְן תְּשׁוּבָה טוּן, 'סְלַח וּמְחַל לְכָל עֲוֹנוֹתֵינוּ', זַיי אוּנְז מוֹחֵל אוֹיף אוּנְזֶערֶע זִינְד...", דָאס אִיז פַאר זֵיי דִי עֶרְגְסְטֶע צַייט; וָואס טוּעֶן זֵיי? זֵיי קוּמֶען מִיט לִיגְנְט, מִיט אַכְזָרִיוּת, זֵיי בְּרֶענְגֶען מַחֲשָׁבוֹת פוּן יֵאוּשׁ, אַז מֶען זָאל שְׁפִּירְן ווִי מֶען אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, זֵיי צֶעקְלַאפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען זָאל טְרַאכְטְן: 'וָואס הָאבּ אִיךְ תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, פַארְיָאר הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, פַארְיָאר הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ גֶעמַאכְט קַבָּלוֹת און גָארְנִישְׁט, צוּרִיק צוּם אַלְטְן וְכוּ' וְכוּ''; לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הֶער זִיךְ נִישְׁט צוּ צוּ דֶעם, דִי מַחֲשָׁבוֹת פוּן יֵאוּשׁ אִיז סַם הַמָּוֶת, דָאס אִיז פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם, דָאס אִיז שֶׁקֶר, וַוייל אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען אִיז גֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, קֶען מֶען זִיךְ פוּן דָארְט צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אוֹיבּ מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען לָאזְט אָפּ דִי שְׁלֶעכְטְס, און מֶען אִיז מְקַבֵּל פוּנְדָאסְנַיי צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, און צוּ גֵיין בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה, זִיךְ נִישְׁט אֲוֶועקְרִירְן פוּנֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ, און מֶען וֵויינְט

זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נֶעמְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּרִיק מִיט דִי גְרֶעסְטֶע לִיבְּשַׁאפְט; ווארוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ אוּן מַאכְט פְרִישֶׁע גוּטֶע קַבָּלוֹת, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

# מהדורת לעווי

## הספר הקדוש הזה נתנדב
## לזכות

מוה"ר **יואל מאיר לעווי** הי"ו

וזוגתו **שינדל רחל** תחי'

וילדיהם

**דבורה, מינדל, אליעזר שלמה, יצחק יעקב, פיגא.**

שיחיו

לרגל שמחת הולדת בנם למזל טוב

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן
וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון